STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04578

www.libtool.com.cn

# DI TSIENISTISHE KONGRESN

Getzel Kressel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG
www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

ג. קרעסעל

בית המדרש
ע״ש
ברל כצנלסון

# די ציוניסטישע קאנגרעסן

ארויסגעגעבן דורך
הועד הפועל של ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ-ישראל
מחלקת „החלוץ״

תשי״ח — תל-אביב — 1948

www.libtool.com.cn

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, תל־אביב

www.libtool.com.cn

## ערב דעם ערשטן קאנגרעס

אין אָנהויב פון די נײַנציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, צען יאָר נאָך דער עליה פון די בילו״יים און דער גרינדונג פון די ערשטע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, האָבן זיך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין דעם קאָלאָניזאַציע־ווערק אָנגעהויבן קריזיס־צייטן, וואָס האָבן געדראָט צו דערשטיקן דעם יונגן ציוניסטישן אויפטו. דער גירוש פון די יידן פון מאָסקווע, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט דורכגעפירט, האָט געצוואונגען אַ סך יידן צו נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין דער האַנט, און עס האָט זיך איבערגעחזרט די שמערצלעכע דערשיינונג אין יידישן לעבן, ווי מיט צען יאָרן צוריק, בשעת די פאָגראָמען פון 1881—1882. אָבער אין דער צייט, וואָס אין די אַכציקער יאָרן זיינען די פליטים געווען הילפלאָז און האָפנונגסלאָז און האָבן בעיקר אויסגעקוקט אויף אַמעריקע אַלס לאַנד פון איינוואַנדערונג — איז איצט אויך ארץ־ישראל געווען דאָס לאַנד, וואָס אַ סך פון זיי האָבן אויף אים געלייגט האָפנונגען. פיל פון זיי האָבן זיך געווענדעט קיין ארץ־ישראל. אָבער די עולים, וואָס זיינען דאַן געקומען אין לאַנד, אָן וועלכן ס׳איז פלאַן און אָן געהעריקע הכנות, האָבן געבראַכט צו אַזאַ גרויסן ווירוואַר אין ישוב, אַז די בעסטע עסקנים זיינע האָבן ניט געקאָנט באַהערשן די לאַגע און זיך אַן עצה געבן מיט דער עליה. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן געזעלשאַפטן צו קויפן באָדן אָן די געהעריקע ידיעות אין דעם ענין. די ספעקולאַציע האָט אויפגעבליט און האָט פאַרשלונגען גרויסע סומעס געלט פון יידן, וואָס האָבן געוואָלט זיך שאַפן אַן אחיזה אין פאָטערלאַנד, און צום סוף זיינען זיי געבליבן אָן מיטלען און אָן האָפנונג. אָט אין די טעג פון דער דאָזיקער ירידה, וואָס

www.libtool.com.cn

האָט געקאָנט צונישט מאַכן אַלע גרויסע אָנשטרענגונגען פון די „חובבי־ציון“, איז דערשינען די האַרבע און פאַרניכטענדע קריטיק פון אחד־העם, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן די וועגן פון די „חובבי־ציון“ און זייער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין ארץ־ישראל.

אחד־העם׳ס אַרטיקל „דער אמת וועגן ארץ־ישראל“ האָט אַנטפּלעקט אַ ביטערן אמת וועגן דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט. מיר האָבן זוכה געווען אויפצושטעלן עטלעכע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס — אָבער וואָס איז זייער ווערט, איז דען אין זיי פאַרווירקלעכט געוואָרן דער טרוים, אַז יידן אין ארץ־ישראל זאָלן זיך צוריקקערן צו דער אַרבעט? אחד־העם האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן צו געבן אויף דער פראַגע אַן אכזריותדיקע תשובה: ניט דאָס איז דער וועג! דער עיקר איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. „הכשרת הלבבות, ד. ה. גייסטיקע פאָרבאַרייטונג“, איז נויטיק איידער מ׳גייט צו צו דער פּראַקטישער אַרבעט. „דער עיקר־פונקט, וואָס אַלץ איז פון אים אָפּהייניגיק — איז ניט דער כמות פון אונזערע טאַטן, נאָר זייער איכות“ — האָט געזאָגט דער גרויסער קריטיקער. ווייל מען האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף דעם כלל, זעען מיר, אַז צווישן אַלע קאָלאָניסטן האָט אחד־העם ניט געפונען „קיין איינעם, וואָס זאָל לעבן פון זיין אַרבעט אויף דער ערד“. וואָס איז דער וואונדער, אַז די ספּעקולאַציע בליט און פאַרשפּרייט זיך וואָס ווייטער אין לאַנד? דעריבער איז אחד־העם געקומען צום אויספיר, אַז מ׳קאָן ניט קאָלאָניזירן דאָס לאַנד, אויב מ׳וועט פריער ניט אויסוואָרצלען פון די עולים די גלותדיקע זיטן און די גלות־פּסיכאָלאָגיע.

אָט די קריטיק האָט דערשיטערט די „חובבי־ציון“ אין די מזרח־לענדער, וואָס זיינען געווען די הויפּט־זאָרגער פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל. זיי האָבן אָנגעהויבן צו צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון זייערע וועגן צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן געדאַנק. צו דער זעלבער צייט איז נפטר געוואָרן ד״ר פּינסקער, דער לערער און פירער פון די חובבי־ציון אין

www.libtool.com.cn

רוסלאַנד. אַזוי אַרום איז די יונגע באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע געבליבן אין גרויס פאַרלעגנהייט.

די באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע (אין עסטרייך און דייטש־לאַנד), דאַקעגן, האָט זיך אַנטוויקלט ווי אַ נאַציאָנאַלע ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט געזען איר עיקר־אַרבעט אין אומקערן צו יידישקייט די אַסימילירטע זין פון יידישן פאָלק. פּאַראַלעל מיט דער עליה פון די בילויים אין די אַכציקער יאָרן, איז אַנטשטאַנען אין מערב־אייראָפּע די באַוועגונג פון יוגנטלעכע, וואָס זיינען, אמת, ביז דאַן געווען פאַרזונקען אין דער אַסימיליאַטאָרישער באַוועגונג, אָבער איצט האָבן זיי אויפגעהויבן די פאָן פון יידישקייט און ציוניזם. די גרינדער פון דער באַוועגונג זיינען געווען אַ הייפל יידישע באַגייסטערטע יוגנטלעכע, וואָס זיינען געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דעם העברעאישן שריפטשטעלער און געטרייען חובב־ציון, פּ ר ץ ס מ אָ ל ע נ ס ק י ן. אין שפּיץ פון דער באַוועגונג איז געשטאַנען נ ת ן ב י ר נ ב ו י ם, וואָס האָט געגרינדעט די ערשטע ציוניסטישע צייטונג אין דייטש — „זעלבסט־עמאַנסיפּאַציאָן" — שפּעטער „יידישע פאָלקס־צייטונג", אין וועלכער ער האָט שטאַרק אָנגעגריפן די אַסימיליאַטאָרן און געפּריידיקט דעם ציוניסטישן געדאַנק. אַן בירנבוימען האָבן זיך אָנגעשלאָסן מערערע יוגנטלעכע פון די אַקאַדעמישע קרייזן, וואָס האָבן דורכגעבראָכן די פעסטונגען פון דער אַסימילאַציע און דערנענטערט דאָס מערב־אייראָפּעאישע יידנטום צום ציוניזם און צו ארץ־ישראל.

איינער פון די וואונדער פון דער יידישער געשיכטע איז דער פאָלגנדער פאַקט: אין 1896, ווען עס איז דערשינען הערצל'ס בראָשור „דער יודנשטאַט", האָט הערצל בכלל ניט געוואוסט וועגן אַט דער באַוועגונג פון זיינע יוגנטלעכע לאַנדסלייט, וואָס האָט זיך דאַן פאַרשטאַרקט און האָט פאַרנומען אַ קענטיקן אָרט אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אָבער ווען הערצל האָט אויסגעדריקט די געדאַנקען, וואָס פיל האָבן געטראָגן אין האַרצן, האָבן זיך באַלד אָנגעשלאָסן אָן אים די אַלע, וואָס האָבן געפּריידיקט דעם

www.libtool.com.cn

ציוניסטישן געדאַנק אין די מערב־לענדער שוין מער ווי צען יאָר און זיינען געוואָרן זיינע איבערגעגעבנסטע פאָן־טרעגער. „איך בין געוואָרן דער פירער פון די ציוניסטן — שרייבט הערצל דעם העברעאישן שריפטשטעלער ראובן ברײנין אַ קורצע צייט נאָכן דערשיינען פון „יודנשטאַט" — טראָץ דעם, וואָס איך האָב ניט געזוכט פאַר זיך קיין ערן־שטעלעס, ניט די און ניט קיין אַנדערע. איך האָב נאָר אויסגעדריקט, וואָס איך האָב געטראַכט, איך האָב נאָר אַרויסגעבראַכט איין וואָרט פון די טיפענישן פון מיין נשמה — דאָס וואָרט איז געווען מיין בוך „דער יודנשטאַט". ווי נאָר איך האָב אַרויסגעזאָגט דאָס דאָזיקע וואָרט, אַזוי האָבן מיר שוין מער ניט אָפּגעלאָזט פריינט און פיינד".

צו ד"ר הערצל'ס באַגלייטער און העלפער האָבן זיך אָנגעשלאָסן די יוגנטלעכע פון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן שטודירט אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער, און זיי האָבן עס איבער־געטראָגן קיין מזרח־אייראָפּע הערצל'ס תורה, וואָס איז געווען ווי אַ דערקוויקנדער טוי פאַר דער חובבי־ציון־באַוועגונג אין אירע שווערע ירידה־טעג.

הערצל (און מיט אים אַלע זיינען מיטאַרבעטער) האָט זיך באַמיט צוזאַמענצופירן אין איין אכסניה די מזרח־און מערב־יידן, כדי געמיינזאַם צו באַהאַנדלען די וועגן און מיטלען, וואָס פירן צום „יודנשטאַט"; דאָרט צו פּראָקלאַמירן עפנטלעך, אַז דאָס יידישע פאָלק לעבט און וויל לעבן ווי אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט.

דער געדאַנק פון קאָנגרעס איז געווען שוין באַקאַנט אין די ציוניסטישע קרייזן נאָך אַ סך פריער, אָבער הערצל האָט אים פאַרווירקלעכט. ער האָט פאַרוואַנדלט די טריבונע פון קאָנגרעס אין אַ זאַמל־פונקט, וואָס ברענגט אַרויס דאָס יידישע וואָרט און פיין. „דער קאָנגרעס — שרייבט הערצל, ערב דעם ערשטן ציוניס־טישן קאָנגרעס — וועט געוויס זיין אַ דאַטום אין דער יידישער געשיכטע. און ניט נאָר סתם אַ דאַטום, נאָר איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע".

www.libtool.com.cn

# דער ערשטער קאָנגרעס

(באַזעל, 29.—31.8.1897 ; א׳—ג׳ אלול תרנ״ז)

הערצל האָט געוואָלט דורכן קאָנגרעס אַנטפּלעקן די גייסטיקע קראַפט, וואָס איז פאַרבאָרגן אין ציוניזם, ער האָט זיך אָבער, זעלבסטפאַרשטענדלעך באַלד אָנגעשטויסן אָן דער קעגנערשאַפט פון די דאַמאָלסדיקע יידישע וואָרט־זאָגער אין די מערב־אייראָ־פּעאישע לענדער, וואָס זיינען קעגן אים אַרויסגעטראָטן מיט פּראָטעסטן און זלזולים. דעריבער איז דער ערשטער קאָנגרעס, וואָס איז צוערשט באַשטימט געוואָרן אין מינכען, פאָרגעקומען אין באַזעל, אין דער שווייץ.

דער ערשטער קאָנגרעס האָט באַצוועקט צו פאָרמולירן און פאַרעפנטלעכן די ציוניסטישע צילן. אָט די אויפגאַבע האָט ער פאָלקאָם דערפילט.

וואָס האָט ד״ר הערצל באַצוועקט מחדש צו זיין מיט דער גרינדונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און איר אָרגאַן — דעם קאָנגרעס ?

די תשובה האָט הערצל אַליין קלאָר פאָרמולירט אין זיין דערעפענונגס־רעדע. די קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט, וואָס איז דורכ־געפירט געוואָרן דורך די חובבי־ציון, האָט קלאָר באַוויזן, אַז די יידן זיינען ביכולת צו זיין לאַנדווירטן און האָט צונישט געמאַכט די אַנטיסעמיטישע טענות, אַז דער ייד איז לויט זיין נאַטור אָפּגעריסן פון באָדן. דערין שטעקט דאָס גרויסע נוצן פון קאָלאָניזאַטאָרישן ווערק ביז איצט. אָבער פון די דאָזיקע פרווון ביז צו דער לייזונג פון דער יידן־פראַגע איז נאָך אַ ווייטער וועג. דער פשוטער חשבון ווייזט, אַז אויב אונזער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט וועט אויך ווייטער פאָרגעזעצט ווערן אין דעם זעלבן מאַסשטאַב, וועלן מיר דאַרפן האָבן ניין הונדערט יאָר צו לייזן די יידן־פראַגע. אַנדערש וועט אויספאַלן דער גאַנצער ענין, אויב די פעלקער וועלן נעמען די יידישע קאָלאָניזאַציע אונטער זייער שוץ און איר געבן קלאָרע און עפנטלעכע רעכט. דאַן וועט די יידישע עליה און קאָלאָניזאַציע אין

www.libtool.com.cn

לאַנד געפירט ווערן אין אַן אומבאַגרענעצטן פאַרנעם. דאָס איז דער אינהאַלט פון „טשאַרטער" — דאָס צויבער־וואָרט, וואָס האָט יאָרן־לאַנג אויפגעשטורעמט די ציוניסטישע באַוועגונג.

דער ערשטער קאָנגרעס האָט אויך פעסטגעשטעלט דעם „נוסח" פאַר אַלע קומענדע ציוניסטישע קאָנגרעסן: באַריכטן וועגן דער לאַגע פון די יידן אין די גלות־לענדער (ד"ר נאָרדויס רעדעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס פאַטאָס, זיינען געווען אַ געשעעניש אויף יעדן קאָנגרעס); רעפעראַטן וועגן ארץ־ישראל, וועגן יידישע קאָלאָניזאַציאָנס־ווערק א. ד. גלייכן. די פּראָגראַם, וואָס איז נאָך לאַנגע ויכוחים פאָרמולירט געוואָרן, האָט פּראָקלאַמירט פאַר דער יידישער און אַלגעמיינער עפנטלעכקייט צוגלייך, אַז „דער ציוניזם באַשטרעבט צו שאַפן אַן עפנטלעך־רעכטלעך געזיכערטע היים פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל". כדי צו דערגרייכן דעם ציל, האַלט דער קאָנגרעס פאָלגנדע מיטלען פאַר ריכטיק און צוועקמעסיק:

1) פּלאַנמעסיקע אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל דורך יידישע לאַנדווירטן, בעלי־מלאכות און פאַרשידענע אַנדערע פּראָפעסיעס;

2) אָרגאַניזירן דאָס יידנטום און אים פאַראייניקן אַרום נוצפולע ווערק, אַלגעמיינע און לאָקאַלע, לויט די באַטרעפנדע געזעצן אין יעדן לאַנד;

3) פאַרשטאַרקן דעם יידישן נאַציאָנאַלן געפיל און נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין;

4) צוגרייטונגס־אַרבעטן צו באַקומען די אַנערקענונג פון די רעגירונגען, וואָס זיינען נויטיק כדי צו פאַרווירקלעכן די ציוניסטישע פּראָגראַם.

אויף די רעזולטאַטן פון קאָנגרעס, זיין היסטאָרישע באַדייטונג, האָט ד"ר הערצל אַליין אויסגעדריקט קלאָרער און דייטלעכער, ווי מ'האָט עס באַגריפן אין זיין צייט. ראשית כל, האָט דער קאָנגרעס באַוויזן, אַז דאָס יידישע פאָלק, וואָס ווערט געפייניקט און גערודפט שוין דורות־לאַנג, איז איין פאָלק, און עס האָט

www.libtool.com.cn

דערוואַכט מיט דער „גאַנצער פּראַכט פון זיינע יסורים און שיין פון זיין האָפענונג". אָט די דעמאָנסטראַציע פון זיינע כּוחות און פאַרלאַנגען — מער ווי זי איז געווען געווענדעט כּלפּי חוץ — האָט זי באַצוועקט צו באַאיינפלוסן דעם יידישן פאָלק אַליין, וואָס גרויסע טיילן פון אים האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער אויבנדערמאָנטער הנחה, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער.

כּלפּי־חוץ, האָט דער קאָנגרעס דערפילט אַ גרויסע און וויכטיקע שליחות שוין דערמיט, וואָס ער האָט „אָן געוויין אַנטפּלעקט פאַר דער גאַנצער וועלט דעם יידישן צער, די יידישע טראַגעדיע, און געבראַכט אַ פאָרשלאַג ווי צו העלפן לייזן די פראַגע לטובת דער וועלט און מיט יידישע מיטלען". עס איז דאָ כּדאי צו באַטאָנען די ווערטער — „אָן געוויין", ווייל אין זיי קומט צום אויסדרוק דאָס נייע אין דער דעקלאַראַציע, ניט נאָר אין איר אינהאַלט, נאָר אויך אין פאָרם: דאָס שטאָלצע דערשיינען, וואָס דאַרף קומען אויפן אָרט פון דער ביז איצט אַנגענומענער יידישער שתדלנות, דער דורות־לאַנגער וועג פון די יידישע עסקנים אין אַלע גלות־לענדער. אין דעם איז פאַרבאָרגן דער אינהאַלט און אויפטו פון ערשטן קאָנגרעס.

דער קאָנגרעס האָט „באַזיגט" די מערהייט פון זיינע קעגנער אין לאַגער פון די „חובבי־ציון"; בעיקר איז געווען גרויס זיין ווירקונג צווישן די ציוניסטן אין רוסלאַנד. די ציוניסטן פון די מזרח און מערב־לענדער זיינען צוזאַמענגעקומען, האָבן זיך באַקענט, און האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר אַ געמיינזאַמער אַרבעט פאַרן ציוניסטישן געדאַנק און זיין פאַרווירקלעכונג.

ס'האָבן אָבער אויך ניט געפעלט קיין האַרבע קריטיקער פון קאָנגרעס און זיינע רעזאָלוציעס. דער ערשטער און וויכטיקסטער צווישן זיי איז געווען אחד העם, וואָס האָט אין זיינע אַרטיקלען אויפגעקלערט, אַז אונזער גאולה איז ניט אָפּהיינגיק פונם „טשאַרטער" נאָר פון איבערצייגן דעם יידישן פאָלק אין דער נויטווענדיקייט פון זיין אויסלייז — „הכשרת הלבבות". ווייטער האָט געטענה'ט אחד־

www.libtool.com.cn

העם, אַז הערצל ברענגט אַ גרויסע סכנה אויף אונזער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין לאַנד מיט דעם, וואָס ער פּאַרקלענערט איר ווערט, און ס׳דראָט איר אַ געפאַר אָפּגעשטעלט צו ווערן ביזן באַקומען דעם „טשאַרטער״. אָבער אויך בנוגע דער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל האָט הערצל געהאַט זיין אייגענעם וועג, וועלכן ער האָט דייטלעך אָנגעצייכנט אויפן צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס.

## דער צווייטער קאָנגרעס

(באַזעל, 28—31.8.1898; י׳—י״ב אלול תרנ״ח)

הערצל פלעגט אין זיינע דערעפענונגס־רעדעס אָנצייכנען די ברען־פּונקטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַזוי האָט ער אויך אין זיין דערעפענונגס־רעדע אויפן צווייטן קאָנגרעס אַריינגעבראַכט אַ נייעם מאָטיוו, וואָס איז אין לויף פון דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פון די הויפּט־פּונקטן פון דער ציוניסטישער אַרבעט אין גלות. ביז דאַן האָט די באַוועגונג ניט געווידמעט קיין אויפמערקזאַמקייט דער קעגנערשאַפט פון די יידישע פרנסים און קהלה־פאָרזיצער צום ציוניזם, ווייל מ׳האָט געוואָלט אויסמיידן ברידער־שנאה. אָבער, צוזעענדיק די אַלץ מער שטייגנדע קעגנער־שאַפט פון די יידישע קהלה־פירער, האָט הערצל פּראָקלאַמירט די נויטווענדיקייט צו דעראָבערן דורך וואַלן די יידישע קהלות פאַר דער ציוניסטישער זאַך. די לאָזונג איז, ווי געזאָגט, געוואָרן — דעראָבערן די קהלות („כיבוש הקהילות״). אַזוי איז די באַוועגונג דערגאַנגען צום געדאַנק פון „געגנוואַרטס־אַרבעט״, וואָס האָט יאָרן־לאַנג פאַרשלונגען די בעסטע כוחות פון ציוניזם אין גלות.

אַ צווייטער ענין, וואָס האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אויפן קאָנגרעס, איז געווען דער באַנק (דער „פאָנד פאַר קאָלאָני־זאַציע״). דעם געדאַנק פון גרינדן אַ באַנק האָט הערצל אַנטוויקלט און באַגרינדעט אויספירלעך אין אַ באַזונדערן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט באַוויזן, אַז דער געדאַנק איז אַן אידעאָלאָגישע מסקנה פון דעם נייעם וועג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. פּונקט אַזוי ווי

www.libtool.com.cn

דער פּאָליטישער ציוניזם, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין באַזעל, איז געקומען אויפן אָרט פון פילאַנטראָפּישן ציוניזם, אָט אַזוי וועט קומען דער באַנק, וואָס איז אַן אויסדרוק פון „לויטער געשעפט" — אָנשטאָט די נדבות און שפּענדונגען פאַר דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. געשעפט האָט אַן אינערלעכע לאָגיק — זאָגט הערצל: קרעדיט — מוז זיך פאַרגרעסערן און וואַקסן; נדבות — מוזן זיך פאַרמינ־דערן און פאַרשווינדן.

אַנטוויקלען דעם געדאַנק פון באַנק און אויסאַרבעטן די בויטיקע פּרטים האָט הערצל פאַרפליכטעט דוד וואָלפסאָנען, אַ רייכער סוחר און געפילפּולער ייד אין קעלן, וואָס האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן אין צוזאַמענפירן די מזרח־און מערב־ציוניסטן. דוד וואָלפסאָן האָט זיך טאַקע געווידמעט מיט לייב און לעבן דער צוגרייטונגס־אַרבעט פון באַנק.

דער געדאַנק פון אַ באַנק פאַר קאָלאָניזאַציע, הגם ער איז געווען פון אַ גרויסן פאַרנעם, האָט ער דאָך אַרויסגערופן גרויסע ויכוחים אין דער באַוועגונג. די שווערסטע קריטיק איז געווען פון אחד־העם. געוויס קאָן דער באַנק, אַלס אַ פינאַנסיעלער אַנשטאַלט, ברענגען גרויסע מעגלעכקייטן און מיטלען פאַר דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט, אָבער אחד־העם וואָרנט די ציוניסטן פון דער דאָזיקער אילוזיע, ווייל לויט דעם וועג פון פּאָליטישן ציוניזם איצט, וועט דער באַנק ניט טאָן גאָרניט פאַר דער פאַרברייטערונג פון דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, כל זמן מיר וועלן ניט באַקומען קיין פּאָליטישע רעכט (דעם טשאַרטער).

די ויכוחים אַרום באַנק־פּראָיעקט און די יידישע קאָלאָני־זאַציע האָבן באַשעפטיקט דעם קאָנגרעס. בעיקר האָט פיל צייט פאַרנומען די דעבאַטע וועגן טעטיקייטס־שטח פון באַנק (הייסט „מזרח" נאָר ארץ־ישראל און סוריע, אָדער אויך אַנדערע לענדער?). די רעזאָלוציעס האָבן פעסטגעשטעלט אַ פּשרה, בעיקר, וואָס איז נוגע די פראַגע פון קאָלאָניזאַציע, אַ זאַך וואָס האָט באַשעפטיקט די ציוניסטן פון מזרח־אייראָפּע. אין די רעזאָלוציעס איז באַטאָנט

www.libtool.com.cn

געוואָרן קלאָר און דייטלעך, לויט דער פאָדערונג פון אחד־העם, אַז די פּאַרמולירונג אין דער באַזעלער פּראָגראַם — „צוועקמעסיקער אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל״ — הייסט קאָלאָניזאַציע, וואָס וועט געפירט ווערן לויט אַ דערלויבעניש פון דער טערקישער רעגירונג אַליין (און ניט פון אַלע רעגירונגען און מדינות) און לויטן פּלאַן און אויפזיכט פון אַ ספּעציעלער קאָמיסיע, וואָס וועט געוויילט ווערן אויפן קאָנגרעס. אַזוי איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס וועגן באַנק און זיין טעטיקייטס־פעלד.

אויפן צווייטן קאָנגרעס איז צום ערשטן מאָל דערשינען אַ גרופּע ציוניסטן־סאָציאַליסטן (שאול רפאל לאַנדוי, בערנאַרד לאַזאַר, נחמן סירקין, דוד פאַרבשטיין א. א.), וואָס האָט געפאָדערט, „אַז אין אַלע קאָמיסיעס זאָלן צוליב העפליכקייטס־מאָטיוון און אויך כדי צו פאַרשפרייטן דעם ציוניסטישן געדאַנק אין די רייען פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, געוויילט ווערן פאָרשטייער פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער״. אויפן קאָנגרעס איז די גרופּע דעלעגאַטן באַגעגנט געוואָרן מיט גרויס קעגנערשאַפט, ווייל זי וויל שפּאַלטן די ציוניסטישע באַוועגונג אין פאַרשידענע לאַגערן. בעיקר האָט זיך זיי קעגנגעשטעלט הערצל, וואָס האָט געזאָגט, אַז אויך ער, וואָס איז געוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צום קאָנגרעס דורך די יידישע נאַפט־אַרבעטער אין באָריסלאַוו (גאַליציע), איז קעגן דעם. ד״ר סירקין האָט געפאָדערט אין נאָמען פון דער סאָציאַליסטישער גרופּע, אַז אין דער קולטור־קאָמיסיע זאָלן אַריין אויסער רבנים אויך ניט־רעליגיעזע דעלעגאַטן.

פון די דערגרייכונגען פונם קאָנגרעס דאַרפן דאָ דערמאָנט ווערן: ס׳איז געגעבן געוואָרן אַן איבערבליק איבער די דערגרייכונגען פונם יידישן ישוב אין א״י; די קולטור־אַרבעט איז אָנערקענט געוואָרן אַלס אַ פּונקט אין דער ציוניסטישער פּראָגראַם. די לאַגע פון יידישן ישוב אין לאַנד האָט געשילדערט אויפן קאָנגרעס ל ע אָ מ אָ צ ק י ן, וואָס האָט זיך דאַן צוריקגעקערט פון אַ רייזע אין לאַנד. ער האָט דערציילט אין זיין איבערבליק

www.libtool.com.cn

וועגן לעבן פון אַלטן און נייעם ישוב. די דריי רעפּערענטן וועגן דער קולטור־אַרבעט — הרב משה גאַסטער, מרדכי ערנפּרייז און ד״ר כהן, האָבן באַטאָנט דעם גייסטיק־קולטורעלן פּונקט, וואָס איז ניט ווי געהעריק באַהאַנדלט געוואָרן אין דער פּראָגראַם פון פּאָליטישן ציוניזם זייט זיין אַנטשטייאונג. אַזוי אַרום דאַרף פאַר־צייכנט ווערן צווישן די דערגרייכונגען פון צווייטן קאָנגרעס: די דערנענטערונג פון די פּאָליטישע ציוניסטן צו די פּראַקטישע ציוניסטן דורך דעם באַשלוס וועגן די קאָלאָניזאַציע־מעטאָדן; די גרינדונג פון באַנק; דאָס אָנערקענען די קולטור־אַרבעט אַלס אַ עיקר אין דער ציוניסטישער פּראָגראַם.

## דער דריטער קאָנגרעס

(באַזעל, 15—18.8.1899; ט׳—י״ב אלול תרנ״ט)

אין דער צווישן־צייט פון צווייטן און דריטן קאָנגרעס איז הערצל צוויי מאָל אויפגענומען געוואָרן דורך דעם דייטשן קייזער ווילהעלם: אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אין ירושלים, אויסער דער צופעליקער באַגעגעניש אין מקוה־ישראל. צום ערשטן מאָל האָט הערצל רעפערירט פאַר אַ פאָרשטייער פון אַ גרויס־מאַכט אין אייראָפּע די פאָדערונגען און פּלענער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער קייזער האָט, אמת, געגעבן אַן אַלגעמיינע גאָרניט־זאָגנדיקע תשובה, „ער האָט ניט געזאָגט ניט יאָ, ניט ניין״, אָבער די עצם אויפנאַמע פון אַ ציוניסטישער דעלעגאַציע דורכן דייטשן הערשער האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג.

אויף דעם קאָנגרעס איז אויספירלעך באַהאַנדלט געוואָרן די גענויע פאָרמולירונג פון טשאַרטער און די באַדייטונג פון דעם „עפנטלעכן רעכט״. דערמיט מיינט מען אַ דערלויבעניש פון אַלע מדינות אָדער פון טערקיי אַליין? הערצל האָט אָנגענומען די לעצטע פאָרמולירונג, ד. ה. אַז אַ ברייטע קאָלאָניזאַטאָרישע טעטי־קייט קאָן מען און דאַרף מען אָנהויבן, נאָר ווען עס וועלן געגעבן ווערן די עפנטלעך־רעכטלעכע גאַראַנטיעס מצד טערקיי. דער נוסח

www.libtool.com.cn

איז געווען נאָנט צו דער ווירקלעכקייט. האָט טאַקע אחד־העם געזאָגט, אַז פּאַקטיש איז דאָס ניט מער, ווי דער באַקאַנטער „פּירמאַן" (די דערלויבעניש פון דער טערקישער רעגירונג, וואָס איז געווען נויטיק פאַר יעדן באָדן־איינקויף) אין אַן אייראָפּעאישן לבוש.

שטורמישע ויכוחים האָבן זיך געפירט אויפן קאָנגרעס וועגן דעם טעטיקייטס־אָרט פון באַנק. איינשטימיק איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז דער באַנק וועט זיך פאַרנעמען מיט קאָלאָניזאַציע — נאָר אין ארץ־ישראל און סוריע.

אויך די קולטור־פראַגע, איר וועזן און איינפירונג אין די טעטיקייטס־ראַמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט אַרויסגערופן גרויסע דעבאַטן. צום סוף איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיסיע, אין וועלכער עס זיינען געווען פאַרטראָטן רבנים, שריפטשטעלער און געלערנטע, אָבער צו ממשותדיקער טעטיקייט איז מען ניט דערגאַנגען.

אַן ענלעכן גורל האָט אויך געהאַט אַ צווייטע קאָמיסיע — די קאָמיסיע פאַר קאָלאָניזאַציע. זי איז באַשטאַנען דערויף, אַז מ'זאָל באַלד אָנהויבן די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט, נאָך איידער מ'האָט באַקומען דעם טשאַרטער. אָבער אויפן קאָנגרעס איז געשענקט געוואָרן דעם דאָזיקן ענין אַ קנאַפּע אויפמערקזאַמקייט: ווי דרך־אגב איז אָנגענומען געוואָרן אַן אַלגעמיינער באַשלוס, וואָס זאָגט ניט צו פיל און די פּראַקטישע אַרבעט אין ארץ־ישראל איז פּאַקטיש אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ זייט. ווייל ד"ר הערצל האָט זיך געווידמעט מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה דער דיפּלאָמאַטישער אַרבעט, וואָס האָט ביי אים צוגענומען זיין גאַנצע צייט און ענערגיע.

## דער פערטער קאָנגרעס

(לאָנדאָן, 16.8.1900—13; י"ח—כ"א אב תר"ס)

דער פערטער קאָנגרעס איז געווען דער ערשטער, וואָס איז ניט פאָרגעקומען אין טראַדיציאָנעלן אָרט, באַזעל, נאָר אין דער ענגלישער הויפּט־שטאָט. די מאָטיוון פאַר דעם שריט זענען זייער

www.libtool.com.cn

באַלערנדיקע. הערצל האָט פון די פריערדיקע קאָנגרעסן געוואוסט דעם גרויסן איינדרוק, וואָס זיי מאַכן אויף אַלע אָנוועזנדע. אַ סך פון די קעגנער פון ציוניזם האָבן אונטערן רושם פון קאָנגרעס געענדערט זייער באַציאונג. עס איז דעריבער כדאי אַריבערפירן דעם קאָנגרעס אין אַ וויכטיקן און איינפלוסרייכן צענטער. איז טאַקע לאָנדאָן דער פּאַסיקער פּלאַץ. הערצל האָט געהאַלטן, אַז „ווער עס רעדט צו לאָנדאָן, רעדט צו דער ענגלישער קולטורעלער וועלט. דער פּאָליטישער ציוניזם גייט, אַלזאָ, קיין לאָנדאָן, כדי זיך, כאילו, אָפיציעל פאָרשטעלן פאַר דער ענגלישער וועלט און בעטן איר אונטערשטיצונג".

דער פערטער קאָנגרעס איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון די רדיפות אויף דעם יידישן קבוץ אין רומעניע, וואָס האָט קיין גרויס נחת ניט געהאַט אין זיינע וואוין־ערטער. אָבער אין 1899—1900 זיינען זייערע ליידן געוועזן באַזונדערס שווער: ביי 30 טויזנט יידן זענען געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, און אויך די, וואָס זענען געבליבן, איז ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. די אויסוואַנדערנדע יידן האָבן מיט זייערע ליידן און פּיין דערשי־טערט די מערב־יידן, און בעיקר האָבן זיי דערוואַרט ישועות און נחמות פון ד"ר הערצלען און דעם ציוניזם. די קלאַנגען וועגן זיינע אוידיענצן ביי מלכים און הערשער — הן די וואָס זענען ווירקלעך צושטאַנד געקומען און הן די, וואָס זיינען ניט צושטאַנד געקומען, — האָבן זיך פאַרשפּרייט גיך צווישן די אַלע, וואָס האָבן געקוקט אויף דעם וואונדער־מענטש הערצל.

דעם גורל פון די רומענישע יידן האָבן געבראַכט צום אויס־דרוק אויפן קאָנגרעס, ניט נאָר הערצל אין זיין דערעפנונגס־רעדע, נאָר אויך מ אַ ק ס נ אָ ר ד ו י, וואָס האָט פאַרגליכן זייער קאַטאַס־טראָפע צו דער קאַטאַסטראָפע פון יידן אין שפּאַניען, און א ל כ ס נ ד ר מ אַ ר מ אָ ר ע ק. די וואַנדערנדע יידן, זיינען, לויטן אויסדרוק פון ד"ר הערצל, אַ גרויזאַמער באַווייז פאַר דער דרינגלע־כער נויטווענדיקייט פון ציוניזם. אָבער לויט איר כוח, איז די ציוניס־

www.libtool.com.cn

טישע באַוועגונג ניט געווען דאַן ביכולת צו ברענגען אַ וועלכע ס׳איז רעטונג. דעריבער האָט הערצל געהאַלטן פאַר אַ וויכטיקע אויפ־גאַבע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג „דאָס גרינדן פון עקאָנאָ־מישע אַנשטאַלטן, וואָס דורך זיי וועלן די חברים־ציוניסטן קאָנען לייסטן אין שווערע צייטן קעגנזייטיקע הילף״. אַזוי איז אויפן קאָנגרעס באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַן „עמיגראַציע־פאָנד״, וואָס זאָל העלפן איינאָרדנען די פרייוויליקע עמיגראַציע אָדער אויף יידן אויפגעצוואונגענע אויסוואַנדערונג. אויף דעם אופן איז אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן אין רומעניע און צוליב זיי באַ־שטימט געוואָרן, אַז די „געגענוואַרטס־אַרבעט״ איז איינע פון די הויפט־אויפגאַבן פון ציוניזם. ד. ה. זאָרגן פאַר דער לאַגע פון די יידן אין די גלות־לענדער. אויך די פרטים זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן, דהיינו: די פאַרבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע; דאָס שאַפן פון די נויטיקע ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן פאַר דעם דאָזיקן צוועק. דער קאָנגרעס, וואָס האָט אָנגענומען דעם באַשלוס וועגן געגענוואַרטס־אַרבעט, האָט ניט געפילט, אַז דערמיט האָט ער צוגעגעבן נאָך אַן אויפגאַבע דער ציוניסטישער באַוועגונג וואָס איז נאָך געווען ווייט פון דער הויפט־אויפגאַבע — אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל — און קאָן דערמיט אָפּשוואַכן, אויב ניט אינגאַנצן צוברעקלען, די אַרבעט פאַרן יידישן ווערק אין ארץ־ישראל. די שפּעטערע אַנטוויקלונג האָט פולשטענדיק געגעבן רעכט די אַלע, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייערע ספקות, ווען דער באַשלוס וועגן דער געגנוואַרטס־אַרבעט איז אָנגענומען געוואָרן.

דער פערטער קאָנגרעס האָט אויך באַהאַנדלט אַ פראַגע, וואָס האָט באַשעפטיקט זיינער צייט די חובבי־ציון — די אַרבעטער־פראַגע אין ארץ־ישראל. די פיר הונדערט יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, וואָס האָבן זיך געווידמעט מיט לייב און לעבן דער אַרבעט אין לאַנד, זענען געשטעלט געוואָרן פאַר דעם געפאַר פון כראָנישער אַרבעטסלאָזיקייט, אָן יעדער אויסזיכט און האָפנונג צו

www.libtool.com.cn

דערגיין צו אַ שטענדיקער באַשעפטיקונג. די געפּלאַנטע לעזונג — דאָס פאַרלאָזן ארץ־ישראל — איז ווי אַ קאָשמאַר געלעגן אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג. ד״ר הלל יפה איז געווען דער, וואָס האָט געבראַכט די אַרבעטער־פראַגע פאַרן פאָרום פון קאָנגרעס. ער איז געשטיצט געוואָרן דורך יחיאל טשלענאָוו, מנחם שיינקין און שאול פנחס ראַבינאָוויטש. אָבער די צרה איז, וואָס אַ ממשותדיקע לייזונג האָט אויך דער קאָנגרעס ניט געפונען. דער באַנק האָט נאָך ניט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט, און קיינע אַנדערע מיטלען האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ניט געהאַט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער אַקציאָנס־קאָמיטעט וועט זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די קערפּערשאַפטן, וואָס אַרבעטן אויפן געביט פון קאָלאָניזאַציע, כדי צו ווירקן לטובת די אַרבעטער.

דער פערטער קאָנגרעס, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אויפמונטערונג פון ציוניזם אין ענגלאַנד, איז אָבער געווען גייסטיק אָרעם. דער ויכוח אַרום דער „קולטור־אַרבעט“ האָט זיך געפירט אויפן קאָנגרעס אין לאַנגע אויסגעצויגענע רעדעס, באַזונדערס צוליב די רבנים. „אַ לאַנגע צייט — דערציילט ל. מאָצקין — האָבן מיר די זכרונות פון פערטן קאָנגרעס ניט געלאָזן צו רו. אויף אים האָבן בטלנישע און איבערפלעכלעכע רעדעס דערנידעריקט דעם ווערט פון ציוניזם“. דער קאָנגרעס האָט זיך צופיל פאַרנומען מיט קלייניקייטן און אויסערלעכער דעקאָראַציע. עס איז קיין וואונדער ניט, אויב ער האָט אַנטוישט און פאַרביטערט זיינע איינטיילנעמער. דער פערטער קאָנגרעס האָט מיטגעבראַכט צו דער אַנטשטייאונג פון דער אָפּאָזיציע, וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אויפן פינפטן קאָנגרעס. אויך דער ויכוח איבער פראָפ. צבי הערמאַן שאַפּיראָ׳ס פאָרשלאַג וועגן קרן הקימת האָט ניט דערפירט צו פּראַקטישע מעשים און איז אָפּגעלייגט געוואָרן באַהאַנדלט צו ווערן נאָך אַמאָל אויפן קומענדן קאָנגרעס.

www.libtool.com.cn

## דער פינפטער קאָנגרעס

(באַזעל, 26—30.XII.1901 ; ט״ז—כ׳ טבת תרס״ב)

צו דעם קאָנגרעס האָט ד״ר הערצל געבראַכט אַ וויכטיקע דערגרייכונג — די אוידיענץ ביים סולטאַן. אויך די באַנק האָט געקאָנט אָנהויבן איר טעטיקייט. אָבער די דאָזיקע דערגרייכונגען האָבן ניט באַפרידיקט אַלע געטרייע אָנהענגער פון ציוניזם. די קאָנגרעסן און זייערע דעבאַטן האָבן וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרלאָרן פון זייער אינהאַלט. די געשאַפענע לאַגע האָט געבראַכט דערצו, אַז עס האָבן אויפגעוואַכט יונגע און ענערגישע חברים, וואָס האָבן געחלומט וועגן אַ טיפער קולטור־אַרבעט אין די ראַמען פון ציוניזם, און האָבן געגרינדעט די אַזוי־גערופענע „ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש ע פ ר אַ ק־צ י ע״, וואָס אירע פרינציפּן און ריכטונגען זענען פאָרמולירט געוואָרן ערב דעם פינפטן קאָנגרעס, אונטערן איינפלוס פון דעם לאָנדאָנער קאָנגרעס.

דער הויפּט־פרינציפּ פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע״ איז געווען אויפהאַלטן די דעמאָקראַטישע יסודות פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג, די פאָדערונג, אַז „אַלץ, וואָס ווערט געטאָן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניסטישן געדאַנק, זאָל געטאָן ווערן ניט נאָר פאַר דער באַוועגונג, נאָר דורך איר, אין איינקלאַנג מיט אירע באַדערפענישן און נ ו י ט ן״. אויפן פינפטן קאָנגרעס גופא, אין דער טראַדיציאָנעלער דעבאַטע וועגן דער „קולטור־פראַגע״, האָבן די חברים פון דער „פראַקציע״ געוואָלט איין־מאָל פאַר אַלע מאָל ענדיקן מיטן ווירוואַר אַרום דעם באַגריף „קולטור״, און האָבן פאָרגעשלאָגן אַ פינקטלעכע דעפיניציע פאַר דעם ענין. „קולטור אַרבעט״ הייסט — די נאַציאָנאַלע דערציאונג פון יידישן פאָלק, און איז דעריבער אַ פליכט פון יעדן ציוניסט, ווי א פונקט אין דער אָפיציעלער ציוניסטישער פראָגראַם. די רבנים, ווי געוויינטלעך, זענען געווען קעגן, און הערצל, וואָס האָט געוואָלט ברייננגען צו אַ פשרה, האָט פאָרגעשלאָגן אָפּצולייגן דעם ענין. אַלס פראָטעסט

www.libtool.com.cn

קעגן אַזאַ באַציאונג צו דער קולטור־פראַגע, האָבן די מיטגלידער פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע פאַרלאָזן דעם זאַל. בראש פון דער פראַקציע זענען געשטאַנען ל. מאָצקין, חיים ווייצמאַן און אַנדערע. הערצל, זענענדיק, אַז די יוגנטלעכע, דער נייער דור אין דער באַוועגונג, פאַרלאָזן דעם קאָנגרעס, האָט זיך געמיט, אַז דער פונקט, וואָס שטעלט פעסט, אַז די קולטור־אַרבעט איז אַ הויפּט־באַדינגונג פאַרן קיום פון דעם ציוניזם — זאָל אָנגענומען ווערן. און די „דעמאָקראַטישע פראַקציע" האָט זיך צוריקגעקערט צום קאָנגרעס.

די גרויסע היסטאָרישע פאַרדינסט פון פינפטן קאָנגרעס איז זיין באַשלוס וועגן גרינדן דעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד (קרן קיימת לישראל). אַזוי איז פאַרווירקלעכט געוואָרן פראָפ. הערמאַנס שאַפּיראָ׳ס דערהאַבענער געדאַנק. אָבער ער אַליין האָט שוין ניט זוכה געווען צו זען, אַז זיין שטרעבן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינע פון די הויפּט־פונדאַמענטן פון דער יידישער אויפלעבונג אין לאַנד, און איז פון די הויפּט־ווערטן פון דער באַוועגונג ביז היינט.

## דער זעקסטער קאנגרעס

(באַזעל, 23—28.VIII.1903 — ל׳ אב — ה׳ אלול תרס״ג)

לויטן באַשלוס פון פינפטן קאָנגרעס, איז דער זעקסטער קאָנגרעס פאָרגעקומען צוויי יאָר שפּעטער, און ניט איין יאָר, ווי ביז איצט. דאָס איז געווען דער לעצטער קאָנגרעס, אויף וועלכן ד״ר הערצל האָט זיך באַטייליקט, און אויך דער שטורמישסטער און טראַגישסטער פון אַלע.

הערצל האָט זיך זייער געראַנגלט אין לאַבירינט פון דער וועלט־דיפּלאָמאַטיע, כדי צו דערגיין צום ציל — באַקומען דעם טשאַר־טער, וואָס האָט געזאָלט ברענגען דעם גרויסן וואונדער און אומקערן דאָס יידישע פאָלק קיין ארץ־ישראל, אין אַזאַ פאָרנעם, וואָס זאָל זיין ביכולת צו לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם. אָבער ביז צום

www.libtool.com.cn

טשאַרטער — איז נאָך זייער ווייט. און דערווייל דריקן אָן אויפהער די יידישע צרות. אין פרילינג 1903 איז אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם אין קישינעוו, וואָס האָט אויפגערודערט די וועלט און אַוועקגע־שטעלט די יידישע פראַגע אין צענטער פון אַלע פּאַרהאַנדלונגען. הגם הערצל איז זיך ניט מיאש צו באַקומען דעם טשאַרטער, זאָרגט ער איצט צו געפינען אַ צייטווייליקע לייזונג פאַר דעם ליידנדן יידישן קבוץ אין רוסלאַנד. די לייזונג זעט הערצל אין געפינען אַ לאַנד, וואָס זאָל זיין ביכולת אויפצונעמען די אַלע פאַרפּאָלגטע יידן אין רומעניע, רוסלאַנד, פּוילן און אַנדערע לענדער.

ווי דאַמאָקלעס־שווערד איז אויפן ציוניזם געהאָנגען די סכנה פון טעריטאָריאַליזם. דער פּאָליטישער ציוניזם האָט געוואָלט אויך יעדן פרייז פּטור ווערן פון דער אַנשטעקנדער קראַנקהייט. וואָס הייסט אַנטיסעמיטיזם דורך אַ מאַסן־עמיגראַציע אין אַ זיכערער היים. הערצל אַליין האָט אין דעם פּונקט געהאַט גרויסע ספקות. אַזוי שרייבט ער אין זיין טאָג־בוך: „טראָץ דעם, וואָס אין גרונט גענומען בין איך געווען איבערגעגעבן דעם געדאַנק פון אַ יידישער מדינה וואו זי זאָל ניט זיין, האָב איך אָבער שפּעטער זיך אָנגע־שלאָסן אָן ציונס־פאָן, איך בין אַליין געוואָרן אַ „חובב־ציון". ארץ־ישראל איז דאָס איינציקע לאַנד, וואו אונזער פאָלק קאָן געפינען זיין רו, אָבער הונדערטער און טויזנטער נויטיקן זיך אין דרינגענ־דער הילף. און די בויטוועגדיקייט אין דרינגענדער הילף האָט ניט דערלאָזט גאַנץ מאַכן דעם ריס אין הערצלס געדאַנקען־גאַנג. אַזוי האָט געיאָגט דער געדאַנק און גענאָגט דער ספק: ארץ־ישראל אָדער... (ניט וויכטיק ווי דאָס לאַנד זאָל הייסן. וויכטיק, אַז זי זאָל אויפנעמען וואָס מער פון די געדרודפּטע יידן אין גלות. הייגט אין רומעניע און גאַליציע, מאָרגן אין רוסלאַנד). דער וואָס לעזט הערצל׳ס טאָג־ביכער פון דער צייט פון קישענעווער פּאָגראָם, וועט באַמערקן, אַז הערצל האָט געזוכט צו וואַרפן אַ רעטונגס־אַנקער אין פאַרשידענע לענדער (קאָנגאָ, מאָזאַמביק), כדי

www.libtool.com.cn

צו געפינען הילף פאַר די אונטערדריקטע, וואָס זייערליידן האָט אים באַגלייט אויף יעדן שריט און טריט.

עס איז, על כן, גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס הערצל איז געווען אַ פאַרבאַרגענער אַנהייגער פון דוד טריטש, וואָס האָט שוין אויפן דריטן קאָנגרעס דערמאָנט ציפערן אַלס אַ מעגלעכע יידישע היים און האָט דערמיט אַרויסגערופן אַ שטורם אויפן קאָנגרעס. אַ זאַך, וואָס האָט קלאָר באַוויזן, ווי ווייט איז דער פאָרשלאַג פון צו זיין פּאָפּולער צווישן די דעלעגאַטן. אַ געוויסע צייט שפּעטער האָט טריטש פאָרעפנטלעכט פּלענער פאַר קאָלאָניזאַציע אין אַל־עריש, אין מדבר סיני. זיין פאָרשלאַג וועגן אַל־עריש האָט ער באַגרינדעט מיט דעם פאָלגנדן אַרגומענט: אָנהויבן אין די איצטיקע באַדינגונגען, געהיים און אומלעגאַל, קאָלאָניזירן ארץ־ישראל — קומט איצט ניט אין באַטראַכט. אַזוי ווי די האָפנונג צו באַקומען עפנטלעכע רעכט איז אַ ווייטע, און די באַוועגונג געפינט זיך צוליבן פעלן פון יעדער פּראַקטישער אַרבעט אין אַ צושטאַנד פון פאַר־גליווערונג, מוז מען אָנהויבן אַרבעטן אין די שכנותדיקע לענדער. צוויי פאַקטאָרן פאַרהאַלטן, לויט טריטש׳ס מיינונג, די אַרבעט אין ארץ־ישראל: טערקיי און דער פּאָליטישער ציוניזם. די ביידע פאַקטאָרן עקזיסטירן ניט לגבי אַל־עריש.

סוף 1902 און אָנפאַנג 1903 האָט הערצל אָנגעפאַנגען לאַנגע אונטערהאַנדלונגען מיט פאַרשידענע דיפּלאָמאַטן אין ענגלאַנד און מצרים, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיטן שיקן אַ וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיע קיין אַל־עריש. דער סוף פון די אַלע פּלענער איז געווען אַן אַנטוישנדער. אָבער הערצל איז ניט געווען דער מענטש, וואָס אַנטוישונגען קאָנען אים אַנטמוטיקן. ער האָט גובר געווען זיין עקל־געפיל צום צאַרישן מיניסטער פּלעווע, וועמענ׳ס הענט זענען געווען באַשפּריצט מיט יידיש בלוט, און האָט זיך געווענדעט צו אים נאָך הילף און רעטונג פאַרן ציוניזם. קומענדיק פון רוסלאַנד, האָט ער געפונען די ידיעה פון זיין פריינט און טרייען העלפער ל. גרינבערג פון לאָנדאָן, אַז די ענגלישע רעגירונג שלאָגט אָפּיציעל

www.libtool.com.cn

פאָר, אַז יידן זאָלן אָנהויבן קאָלאָניזירן אוגאַנדע, איר קאָלאָניע אין אַפריקע.

דער פאָרשלאַג איז געקומען עטלעכע טעג ערב דעם זעקסטען קאָנגרעס.

הערצל׳ס דערעפנונגס רעדע איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער קישינעווער טראַגעדיע, „וואָס איז אומעטום, וואו יידן ווערן געפייניקט קערפערלעך און גייסטיק, דערנידעריקט און באַליידיקט, געשעדיקט און געטראָפן אין זייער האָב־און־גוטס, ווייל זיי זענען יידן. לאָמיר רעטן די, וואָס קענען נאָך געראַטעוועט ווערן״. און די פראַגע פון רעטונג באַשעפטיקט הערצלען דורך־און־דורך, אָבער די רעטונג־אַנקערס זענען זייער ווייניק, אין אַ שרייענדער דיספּראָפּאָרציע צו די נויטן, וואָס זענען קאָלאָסאַל גרויס. דער דורכפאַל אין טערקיי, דאָס אַראָפּנעמען דעם אל־עריש־פּלאַן פון סדר־היום, די שטייגנדע נויט פון די יידן אין די גלות־לענדער — האָבן באַוויזן ד״ר הערצלען צו ברענגען פאַרן קאָנגרעס דעם אוגאַנדע־פאָרשלאַג פון דער ענגלישער רעגירונג. אמת, ער אונטער־שטרייכט דערביי: „אונזער באַציאונג צו ארץ־ישראל האָט זיך ניט געענדערט און וועט זיך ניט ענדערן. אוגאַנדע איז ניט ציון, וועט קיין מאָל ניט זיין ציון. דער פאָרשלאַג איז נאָר וועגן רעטונגס־קאָלאָניזאַציע — — — נאָר אַ צייטווייליקער מיטל פון הילף אין אַ צייט פון אַ גרויסער נויט — —״.

אָבער מער ווערט ווי דער פאָרשלאַג אַליין האָט דער פאַקט, אַז ער איז געמאַכט געוואָרן אָפיציעל דער ציוניסטישער באַוועגונג דורך דער מעכטיקער ענגלישער רעגירונג. דאָס זעלבע — באַטאָנט הערצל — קען געזאָגט ווערן וועגן זיין אוידיענץ ביים רוסישן מיניסטער און זיינע הבטחות אים אלס דעם פאַרטרעטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

מאַקס נארדאו, וואָס האָט געגומען דאָס וואָרט נאָך הערצלען, האָט פאָרגעזעצט צו באַגרינדען דעם פאָרשלאַג. אָבער דאָס אַלץ

www.libtool.com.cn

האָט ניט געקאָנט פאַרמיידן דעם שטורם, וואָס עס האָבן אויפגעהויבן די „ציוני־ציון", בעיקר פון די מזרח־אייראָפּעאישע ציוניסטן.

ביים אָפּשטימען האָט דער אוגאַנדע־פאָרשלאַג באַקומען 300 שטימען, זיינע קעגנער — 178. דאַן האָבן די „ניין־זאָגער", מיט טשלענאָוון בראש פאַרלאָזן דעם זאַל פון קאָנגרעס, א זאַך, וואָס האָט אויפגעשטורמט דעם קאָנגרעס, און מער פון אַלעמען הערצלען אַליין.

הערצל איז געגאַנגען צו די ניין־זאָגער, האָט געפּרובירט זיי אויפקלערן דעם פאָרשלאַג און זיי אויפגעפאָדערט ניט צו צעברעכן דעם גרויסן אינסטרומענט — די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט אַזוי פיל מי. די ניין־זאָגער, זייענדיק אַליין אויפגעציטערט פון די רעזולטאַטן פון זייער ספּאָנטאַנעם שריט, האָבן זיך אומגעקערט צום קאָנגרעס.

אַלע אַנדערע ענינים האָבן ניט פאַרדינט קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פון די דעלעגאַטן, הגם מ'האָט אויף דעם קאָנגרעס באַשלאָסן אָנצוהויבן פּראַקטישע אַרבעט אין ארץ־ישראל, אויף וואָס ס'האָבן באַזונדערס געגאַרט די „ציוני ציון".

די רייבונגען צווישן ד״ר הערצל און די אוגאַנדע־קעגנער האָבן ניט נאָר פאַרביטערט דאָס לעבן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך צעבראָכן דאָס האַרץ פון איר שעפער.

אָבער הערצל רוט ניט, ער זעצט פאָר אָנצוקניפּן נייע דיפּלאָמאַטישע פאַרבינדונגען. אָבער נאָכן אוגאַנדע־קאָנגרעס האָט ער שוין לאַנג ניט זוכה געווען צו טאָן זיין אַרבעט. כ' תמוז תרס״ד (1904) איז ער אַוועק אויף זיין אייביקער רו. זיין טויט האָט דערשיטערט די גאַנצע באַוועגונג, וואָס האָט געמוזט אויסהאַלטן צוויי גרויסע קלעפּ: דעם טויט פון איר שעפער און די שפּאַלטונג, אַלס רעזולטאַט פון דער אוגאַנדע־פּאָלעמיק.

www.libtool.com.cn

## דער זיבעטער קאָנגרעס

(באַזעל, 27.VII—2.VIII.1905 — כ״ד תמוז — א׳ אב תרס״ה)

דער באַשלוס פון זעקסטן קאָנגרעס צו שיקן אַן אויספאָר־שונגס־קאָמיסיע קיין אוגאַנדע, האָט אויפגעברייזט אַלע „ציוני־ציון״ און זיי באַוועגט צו אינטענסיווער טעטיקייט. אוסישקין, וואָס איז געווען אין א״י אין דער צייט פון זעקסטן קאָנגרעס און האָט דאָרט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון ישוב און דעם לערער־פאַרבאַנד, האָט זיך אומגעקערט פעסט אַנטשלאָסן צום קאַמף קעגן הערצלען און דעם אוגאַנדע־פּראָיעקט. אוסישקין וואָס איז געווען דער לעבעדיקער גייסט אויף דער קאָנפערענץ פון די רוסישע ציוניסטן אין חאַרקאָוו (אָקטאָבער 1903), האָט אָנגעהויבן אַ שאַרפן קאַמף קעגן די באַשלוסן פון זעקסטן קאָנגרעס און געפאָדערט זיי מבטל צו מאַכן. די הויפּט־רעזאָלוציעס פון דער חאַרקאָווער קאָנ־פערענץ זענען געווען: די ציוניסטישע באַוועגונג און אירע קאָנ־גרעסן פאַרנעמען זיך ניט מיט קיין שום פּלאַן, וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל; אַראָפּנעמען פון סדר־היום די אוגאַנדע־פראַגע; אָנהויבן פּראַקטישע טעטיקייט אין ארץ־ישראל. די לעצטע פאָדערונג האָט די קאָנפערענץ שטאַרק באַטאָנט. אוסישקין האָט דערציילט, אַז די לאַגע פון די יידישע קאָלאָניעס אין לאַנד פאַר־בעסערט זיך. מ׳דאַרף אויך ווייטער פאָרזעצן מיט דער „קליין־ציוניסטישער״ אַרבעט, וואָס וועט אין משך פון דער צייט זיך צוזאַמענשליסן צו אַ גרויסן און ווערטפולן חשבון פאַרן יידישן פאָלק.

אין דעם גייסט זענען געווען פעסט אַנטשלאָסן די „ציוני־ציון״ קומענדיק צום זיבעטן קאָנגרעס. אין דעם גייסט זענען אויך אָנגענומען געוואָרן די באַשלוסן פון זייער קאָנפערענץ אין פרייז־בורג, ערב דעם זיבעטן קאָנגרעס. צוליב די דאָזיקע רעזאָלוציעס איז זיך פאַרנאַנדערגעגאַנגען רעזולטאַטלאָז די קאָנפערענץ פון די רוסישע ציוניסטן עטלעכע טעג פריער, ווייל די רוסישע טעריי־

www.libtool.com.cn

טעריטאָריאַליסטן און אוגאַנדיסטן האָבן זיך קעגנגעשטעלט די רעזאָלוציעס.

דער זיבעטער קאָנגרעס, איינער פון די דראַמאַטישע ציוניסטישע קאָנגרעסן, איז דערעפנט געוואָרן מיט אַ הספד אויף הערצלען, וואָס ס׳האָט געהאַלטן זיין נאָנסטער חבר און מיטאַרבעטער מאַכס נאָרדוי. דאָס איז געווען איינע פון די רירנדע רעדעס, וואָס נאָרדוי האָט געהאַלטן; ער האָט מספּיד געווען ניט נאָר די גרויסע אבדה פאַרן יידישן פאָלק און דער ציוניסטישער באַוועגונג, נאָר זיין פּריינט, וואָס האָט אין אים דערוועקט דעם יידישן פונק. נאָרדוי איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון קאָנגרעס, און אין זיין דערעפנונגס־רעדע אויף דער צווייטער זיצונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שווערער שעה, וואָס די באַוועגונג לעבט דורך, און האָט אויפגעפאָדערט צו באַהאַנדלען מיט גרויס ערנסטקייט און אחריות די פראַגן, וואָס שטייען אויפן סדר־היום און באַזונדערס די אוגאַנדע־פראַגע.

גרויס שטורם האָט אַרויסגערופן אוסישקין מיט זיין שטאַרקער פאָדערונג אויסצושליסן די טעריטאָריאַליסטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. נחמן סירקין, איינער פון די פירנדע טעריטאָריאַליסטן און אוגאַנדיסטן, דער פאַרשטייער פון די אַמעריקאַנער פועלי־ציון, האָט זיך קעגן געשטעלט דער דאָזיקער פאָדערונג. דער ויכוח איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף מאָרגן, ווען פאַרן קאָנגרעס איז געבראַכט געוואָרן דער באַריכט פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע אין אוגאַנדע. די קאָמיסיע האָט אָפּגעוואָרפן דעם אוגאַנדע־פּלאַן און דעם געדאַנק, אַז מ׳קאָן דאָס דאָזיקע לאַנד צופּאַסן פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַ גרויסן מאַשטאַב. דעם טעריטאָריאַליזם האָט באַגרינדעט אין אַ גרויסער רעדע ישראל זאַנגוויל, דער יידיש־ענגלישער דיכטער און שריפטשטעלער, וואָס האָט געזוכט צו לייזן די פראַגע פון דער יידישער נויט ווי גיך נאָר מעגלעך, וואו ס׳זאָל ניט זיין. נאָך זיין רעדע האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטורמישע דעבאַטע, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אָננעמען די באַשלוסן פון דער פרייבורגער קאָנפערענץ מיט קליינע אויסבעסערונגען.

www.libtool.com.cn

אַט די באַשלוסן האָבן באַשטימט דעם וועג פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג אין דער צוקונפט. „די ציוניסטישע באַוועגונג — ווערט אין די באַשלוסן געזאָגט — פאַרווירקלעכט מיט אַלע כוחות דעם הויפט־יסוד פון דער באַזעלער פּראָגראַם: שאַפן אַן עפנטלעך־רעכטלעך געזיכערטע היים פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל״ — און וואַרפט אָפּ יעדע קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אויסער ארץ־ישראל און די שכנותדיקע לענדער; לויטן ערשטן פּונקט פון רעגולאַמין פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע קענען זיין חברים אין איר נאָר די יידן, וואָס אָנערקענען די באַזעלער פּראָגראַם. דער קאָנגרעס האָט אויסגעדריקט אַ דאַנק דער ענגלישער רעגירונג פאַר איר פאַרשלאַג און אַ וואונש, אַז אין דער צוקונפט וועט די ענגלישע רעגירונג באַווייזן אַ גינסטיקע באַציאונג צום ציוניזם אין העלפן פאַרווירק־לעכן די באַזעלער פּראָגראַם.

אַזוי זענען באַזיגט געוואָרן די טעריטאָריאַליסטן און אוגאַנ־דיסטן, וואָס האָבן פאַרלאָזן דעם קאָנגרעס און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. (נ. סירקין האָט זיך צוריקגעקערט צום ציוניזם אויפן ניינטן קאָנגרעס). „אונזער פּראָגראַם״, וואָס אוסישקין האָט קלאָר פאָרמולירט ערב דעם קאָנגרעס, איז געוואָרן די גענעראַלע ליניע פון דער באַוועגונג נאָך דעם אוגאַנדע־שטורם. די פּראַקטישע אַרבעט אין ארץ־ישראל, וואָס מ׳האָט געזאָלט אָפּלייגן ביזן באַקו־מען דעם טשאַרטער, איז באַהאַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָזיטיווער רעזאָלוציע, וואָס איר באַדייטונג איז אין אַנטשלוס — אָנהויבן שוין איצט די פּראַקטישע אַרבעט אין לאַנד. פּראָפ. וואַרבורג איז געווען דער, וואָס האָט באַטאָנט די וויכטיקייט פון דער קליינער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט און אירע דערגרייכונגען אויך פאַר די ברייטע פּאָליטישע צילן. אַלע דורכפאַלן פון דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט ביז איצט זענען ניט קיין באַווייז, אַז דער ווערק אַלס אַ גאַנצער איז אויסזיכטלאָז. מ׳מוז נאָר האָבן אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן. אויך אַ באַשיידענער אָנהויב קאָן זיין אַ יסוד פאַר אַ גרויסן עקזיסטענץ־פעאיקן ווערק.

www.libtool.com.cn

אין דעם באַשטייט דער היסטאָרישער ווערט פון זיבעטן קאָנגרעס. ער האָט באַפרייט די ציוניסטישע באַוועגונג איין מאָל פאַר אַלע מאָל פון דעם טעריטאָריאַליסטישן קאָשמאַר, ער האָט סוף־סוף אָנערקענט די לעבנס־נויטווענדיקייט פון קאָלאָניזאַציע־אַרבעט, אויב אפילו זי ווערט ניט געפירט אין דעם גרויסן פאַרנעם, ווי מ׳האָט געהאָפט, אַז זי וועט געפירט ווערן נאָכן באַקומען דעם טשאַרטער. אַ צווייטע אָנגעווייטאָקטיקע פראַגע איז געווען — די פירערשאַפט. אַלע האָבן געבויט אויף נאָרדוי, אָבער ער האָט דעם פאָרשלאַג ניט אָנגענומען. אַזוי איז דערוויילט געוואָרן צום פרע־זידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פאָרזיצער פון איר עקזעקוטיווע — ד ו ד  ו ו א ָ ל פ ס א ָ ן.

## דער אכטער קאָנגרעס

(האַג, 14—21.8.1907 ; ד׳—י״א אלול תרס״ז)

די נייע עקזעקוטיווע, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפן זיבעטן קאָנגרעס, איז געשטאַנען פאַר אַ גרויסער אַרבעט: פאַר־פעסטיקן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע נאָך דעם דאָפּלטן קריזיס, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער באַוועגונג מיט דער אוגאַנדע־דעבאַטע און הערצל׳ס טויט. דאָס פאַנאַנדערפלאַקערן פון די בייזע מחלוקת־גייסטער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אוגאַנדע־פראַגע, פון איין זייט, און דאָס פעלן פון אַ צענטראַלער פערזענלעכקייט, וואָס אפילו אירע קעגנער מוזן זיך איר אונטערוואַרפן, פון דער אַנדער זייט, האָבן באַדראָט די אייניקייט פון דער באַוועגונג. וואָלפסאָנ׳ס אויפגאַבע איז ניט געווען קיין לייכטע. ער איז געווען טריי און איבערגעבן הערצל׳ס ירושה, אָבער עס האָט אים געפעלט דער שוואונג און פאַרנעם, די גייסטיקע פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט, וואָס זענען געווען הערצל׳ס שטאַרקע זייטן. נאָך דעם, ווי דער זיבעטער קאָנגרעס האָט אויסגערייניקט דעם ציוניסטישן לאַגער פון די טעריטאָריאַליסטן און די אוגאַנדיסטן, און צוגעגרייט דעם באָדן פאַרן געדאַנק פון פראַקטישער אַרבעט אין לאַנד, האָבן איצט,

www.libtool.com.cn

ערבֿ דעם אַכטן קאָנגרעס, די „פּראַקטיקער״ מיט אוסישקינען בראש געמאַכט הכנות אויפצוקלערן, וואָס איז פאַרבונדן מיטן ענין פון פּראַקטישער אַרבעט און אויף וואָס פאַר אַ וועג קאָן מען זי אַמבעסטן דורכפירן.

אוסישקין האָט זיין פּראָגראַם, וואָס ער האָט פריער געבראַכט אויף פאַרשידענע ציוניסטישע קאָנפערענצן, אין וואָרט און שריפט, פאָרגעלייגט דעם אַכטן קאָנגרעס. די פּראָגראַם צייכנט זיך אויס מיט דעם, וואָס זי אָנערקענט דעם אכזריותדיקן אמת וועגן די שוועריקייטן, אָבער אויך מיט דעם, וואָס זי איז דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן גלויבן אין דער זאַך. אַזוי שרייבט אוסישקין:

„ס׳איז אמת, אַז די יידן זענען דער אומפּאַסיקסטער עלעמענט פאַר קאָלאָניזאַציע, ס׳איז אמת, אַז ארץ־ישראל איז דאָס אומפּאַסיקסטע לאַנד פאַר אַ ברייטער עליה; ס׳איז אמת, אַז די באַדינגונגען אין ארץ־ישראל זענען די שווערסטע פאַר דער אַנטוויקלונג פון האַנדל און אינדוסטריע, אמת, אַז דער טערקישער רעזשים איז דער אומפּאַסיקסטער פאַרן אויספירן אַזאַ קולטור־אונטערנעמונג ווי די קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל און אויפבוי פון איר קולטור — — — איר מוזט אָבער אויסקלייבן איינע פון די צוויי מעגלעכקייטן: אָדער אַרבעטן אין דעם לאַנד מיט די מענטשן פון דעם פאָלק אין די באַדינגונגען — אָדער גאָרניט טאָן. דעם צווייטן וועג האָבן אויסגעוויילט די, וואָס האָבן פאַרלאָזן אונזער לאַנד און זיי בלאָנדזשען אַרום זוכן אַנדערע לענדער אויף דעם וועלט־קוגל — — —״.

אָט אַזוי האָט אוסישקין צוגעשפּיצט די ברענענדע פּראָגע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג צו יענער צייט. זיין פּראָגראַם איז איצט געשטאַנען אין צענטער פון די ויכוחים אויפן קאָנגרעס.

אין איינקלאַנג מיט הערצל׳ס פּרינציפּ צו פאַראינטערעסירן די פעלקער פון דער וועלט מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז דער קאָנגרעס זיך צונויפגעקומען אין האַג, וואו עס איז דאַן אָפּגעהאַלטן געוואָרן די צווייטע אינטערנאַציאָנאַלע שלום־קאָנפערענץ.

www.libtool.com.cn

מ׳האָט געהאָפט, אַז די דעלעגאַטן צו דער שלום־קאָנפערענץ וועלן ווידמען אויפמערקזאַמקייט אויך דעם ציוניסטישן קאָנגרעס.

די „פּאָליטיקער״ האָבן ניט לייכט צוגעשטימט צו דער פּראַקטישער אַרבעט. אָנשטאָט דאָס וואַרטן און אויסקוקן אויפן טשאַרטער און אָנהויבן די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט נאָכן באַקומען די עפנטלעכע רעכט, האָט מען איצט געהאַלטן, אַז ראשית כל מוזן קומען קליינע גוט באַטראַכטע קאָלאָניזאַציע־אַרבעטן, און דער טשאַרטער וועט געגעבן ווערן דוקא אויפן סמך פון די קליינע און טייערע דערגרייכונגען. די „פּאָליטיקער״ זענען באַזיגט געוואָרן, אָבער אויסישקין, דער וואָס האָט געבראַכט צו דער דאָזיקער איבערקערעניש, איז ניט אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון קליינעם אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס איז דער אויספירנדער אָנשטאַלט פון די באַשלוסן. בראש פון דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט איז געשטעלט געוואָרן דוד וואָלפסאָן, וואָס איז, אמת, געווען פאַר פּראַקטישער אַרבעט, אָבער, ווי געזאָגט, האָט אים געפעלט דאָס געפיל פאַר פאַרנעם און גרייטקייט אויף ריזיקאַ. זיין וועג, דער וועג פון געלאַסענער אויסגערעכנקייט, סוחריש וועגן און מעסטן יעדע זאַך, האָט באַלד אַרויסגערופן גרויס קעגנערשאַפט בעיקר מצד די רוסישע ציוניסטן און אין ארץ־ישראל.

ד״ר ווייצמאַנס רעדע איז געווען פון די צענטראַלע און היסטאָרישע רעדעס אויפן קאָנגרעס. צום ערשטן מאָל איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער באַגריף פון סינטעטישן ציוניזם, וואָס איז אַ צוזאַמענגיסונג פון פּאָליטישן ציוניזם און פּראַקטישער ציוניסטישער אַרבעט אין לאַנד. „וואָס מיר ווילן היינט איז אַן אמתע און ריכטיקע סינטעזע פון ביידע שטרעבונגען אין ציוניזם — האָט ווייצמאַן געזאָגט. מיר דאַרפן שטרעבן צום טשאַרטער, וואָס וועט קומען אַלס רעזולטאַט פון אונזער אַרבעט אין לאַנד. וואָלטן אונז די פעלקער היינט געגעבן דעם טשאַרטער, וואָלט ער געווען נאָר אויפן פּאַפּיר. אַנדערש איז די זאַך, אויב מיר וועלן אַרבעטן קאָלאָניזאַטאָריש אין לאַנד, דאַן

www.libtool.com.cn

וועט דער טשאַרטער זיין געשריבן מיט בלוט און שווייס, פאַרבונדן מיט אונזער ווערק אויף אייביק".

די אַרבעטער־ענינים אין ארץ־ישראל, די קאָלאָניזאַציע־פאָרמען און וועגן, זיינען אויפן קאָנגרעס געשילדערט געוואָרן דורך ש. קאַפּלאַנסקי און נתן גראָס, וועלכער האָט שטאַרק גע־לויבט די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניזאַציע, לויטן פּלאַן פון פראַנץ אָפּנהיימער.

אַלס פּראַקטישער פועל־יוצא פון די קאָנגרעס־באַשלוסן וועגן קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין לאַנד, איז אין 1908 געגרינדעט געוואָרן אונטער דער לייטונג פון ד"ר א. רופין דער „פּאַלעסטינאַ־אַמט" אין יפו, וואָס איז באַאויפטראַגט געוואָרן צו זאָרגן פאַרן שאַפן און דורכפירן קאָלאָניזאַציע־אַרבעטן אין לאַנד. דאָס שאַפן דעם דאָזיקן „פּאַלעסטינאַ־אַמט" איז געווען דער ערשטער און וויכטיקסטער שריט מצד דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו פּראַקטישער אַרבעט אין לאַנד, דער אָנהויב פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע, וואָס האָט צו פאַרצייכענען אין איר געשיכטע גרויסאַרטיקע דערגריי־כונגען.

## דער ניינטער קאָנגרעס

(האַמבורג, 26—30.12.1909 ; י"ד—י"ח טבת תר"ע)

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן איז אַ קאָנגרעס צוזאַמענגעקומען אין דייטשלאַנד. וואָלפ־סאָן האָט אונטערגעשטראָכן דאָס סימבאָלישע פון דער געשעעניש : דייטשלאַנד, וואָס האָט צוליב דער קעגנערשאַפט פון די אַסימיליאַ־טאָרן ניט דערלויבט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין מינכען, נעמט איצט אויף מיט גרויס כבוד די פאָרשטייער פון דער באַוועגונג, וואָס איז דערווייל גרויס און פאַרצווייגט געוואָרן. אָבער וואָלפסאָנס קעגנער האָבן געזען אין רופן דעם קאָנגרעס ווינטער — און ניט, ווי שטענדיק, זומער — אַ מיטל צו פאַרקלענערן די

www.libtool.com.cn

באַטייליקונג פון זײַנע קעגנער פון די רוסישע ציוניסטן. די אָפּאָזיציע צו וואָלפּסאָנען האָט געהאַט אויף וואָס זיך צו באַזירן דאָס אָפּשטופּן אוסישקינען, דעם פּאָן־טרעגער פון פּראַקטישן ציוניזם, ניט ווי ס׳האָבן דעם באַגריף פאַרשטאַנען וואָלפּסאָן און די מערהייט ציוניסטן אין מערב, נאָר לויט זײַן ריכטיקן זין: פּראַקטישע טעטיקייט, וואָס איז דורכגעדרונגען אין איר אינהאַלט און אומפאַנג מיטן נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט דעם פּיליסטערישן ציוניזם, וועלכער האָט איצט געבליט אונטערן דעקמאַנטל פון סוחרישער אויסגערעכנטקייט.

וואָלפּסאָן איז ניט געווען דער מענטש, וואָס האָט געקאָנט שטיין איצט בראש פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און זי פירן אין דעם גייסט פון דער מערהייט פון די רוסישע ציוניסטן. טראָץ די פייערלעכע רעזאָלוציעס לטובת דער פּראַקטישער אַרבעט, איז ניט געווען צו פאַרצייכנען קיין פאָרשריט אין דער ריכטונג, ווי ס׳האָבן געוואָלט און באַצוועקט די מזרח־ציוניסטן. די ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלע ריכטונג — אוסישקין, ווייצמאַן, טשלענאָוו און סאָקאָלאָוו — האָט זיך פאַרשטאַרקט אויך מיט די שטימען פון ארץ־ישראל און בעיקר מיט די שטימען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט איצט געמאַכט אירע ערשטע שריט.

פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג און פון ישוב איז דאָ כדאי צו דערמאָנען די עליה פון דער יוגנט פון רוסלאַנד קיין ארץ־ישראל אין דער צייט פון אוגאַנדאַ־פּאָלעמיק — דער אָנהויב פון דער אַזוי־גערופענער „צווייטער עליה”. די יאָרן 1904—1905 זענען געווען יאָרן פון אַנטוישונג פאַר דער יידישער יוגנט, הן לגבי דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד און הן לגבי דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין איר געשטאַלט און פאָרם, וואָס זי האָט דאַן געהאַט אין גלות. יוגנטלעכע זענען געפאָרן קיין ארץ־ישראל צו פאַרטאָן זייער ענערגיע אין קאָנסטרוקטיווער, שעפערישער אַרבעט. אָט די יוגנט האָט געשאַפן אין לאַנד צעלן פאַר דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג, זי

www.libtool.com.cn

האָט אונטערזוכט די אַרבעטס־מעטאָדן און וועגן פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג און זיי אָפּגעוואָרפן.

יוסף אהרונאָוויטש, פון די פירנדע פובליציסטן פון „הפועל הצעיר", האָט פּאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט פעסימיסטיש אָפּגעשאַצט דעם וועג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ביז איצט. „אויב מיר וועלן קומען מאַכן אַ סך־הכל פון די אַלע גרויסע נצחונות פון געדאַנק פון דער פּראַקטישער אַרבעט אויפן זיבעטן און אַכטן קאָנגרעס, וועלן מיר באַקומען אַן אַבסאָלוטן נול און מער גאָרניט" — שרייבט ער ערב דעם ניינטן קאָנגרעס. אָבער ס'איז געווען נאָך אַ צווייטע פראַגע, אויף וועלכער מ'האָט גאָר קיין אַכט ניט געלייגט, — די אַרבעטער־פראַגע, און ניט וועגן דער שטיצע פאַר די שוין־פאַראַנענע אַרבעטער אין לאַנד, נאָר וועגן דער זאָרג פאַרן שטענדיקן צופלוס פון נייע אַרבעטער אין ארץ־ישראל און פאַרגרעסערונג פון זייער צאָל. יוסף אהרונאָוויטש האָט אויסגעדריקט די אָפּאָזיציע־שטעלונג צו וואָלפסאָנען אין אַ שניידיקער פאָרם, קלאָר באַשרייבנדיק ביידע דערשיינונגען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג: „פון איין זייט זעען מער דרייסיק קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל מיט חלוצים, וואָס האָבן מקריב געווען זייערע בעסטע כוחות פאַר זיי, העברעאישע שולן, רענעסאַנס פון דער שפּראַך, אַ יונגער דור, וואָס איז דורשטיק צו אַ ניי וואָרט און זוכט זיין גאָט אין ציון; פון דער צווייטער זייט — פּראַק־ציוניסטן, הונדערט קאָסעס מיט דרייסיק קאָפּיקעס, פיזיש זאַטע און גייסטיק־פּוסטע סוחרים". כל זמן — האָט אהרונאָוויטש געוואָרנט דעם קאָנגרעס — אונזער ווערק אין ארץ־ישראל וועט זיך ניט באַזירן אויף יידישער אַרבעט — האָבן מיר ניט קיין האָפנונג. צו דער דאָזיקער וויכטיקער פראַגע באַציט זיך די עקזעקוטיווע קאַלט און טוט גאָרניט זי צו לייזן. מיט איין וואָרט — די איצטיקע לייטונג האָט אָפּגעטויט דעם גייסט פון ציוניזם בכלל און פון דער אינערלעכער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל בפרט".

www.libtool.com.cn

אויפן קאָנגרעס האָט געשטורעמט דער אויפשטאַנד קעגן דעם „סוחרישן״ געשטאַלט פון ציוניזם. אָבער געזיגט האָבן וואָלפסאָן און זיינע אָנהענגער, הגם דאָס אַריבערפירן דעם ציוניסטישן מרכז פון קעלן קיין בערלין איז געווען אַ צייכן פאַר אַ צוקונפטיקער ווענדונג.

דער זיג פון וואָלפסאָנס ריכטונג איז געווען אַ פּירעאוס־זיג („נאָך אַזאַ זיג און איך בין פאַרלאָרן!״). טראָץ זיין פּערזענלעכער אָרנטלעכקייט און גלויבן אין הערצלען, איז זיין וועג ניט געדולדעט געוואָרן דורך אַלע טרייע אָנהענגער פון דער באַוועגונג. נאָכן ניינטן קאָנגרעס איז ער געצוואונגען געווען צו פרייען דעם פּירער־אָרט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַר אַנדערע כוחות.

## דער צענטער קאָנגרעס

(באַזעל, 9—15.8.1911; ט״ו—כ״א אב תרע״א)

דער צענטער קאָנגרעס ווערט גערופן דער „קאָנגרעס פון שלום״, ווייל נאָך די אַלע לאַנגע און אויסמאַטערנדע רייבונגען האָט דער קאָנגרעס פאַרענדיקט די „תקופה פון קעלן״ אין געבראַכט דעם זיג פאַר די אָנהענגער פון דער רעאַל־סינטעטישער ריכטונג אין ציוניזם. דאָס איז ניט געווען דער זיג פון איין צד, נאָר דער פאַר־ציכט פון גוטן ווילן מצד וואָלפסאָנען לטובת זיינע קעגנער. אין זיין דערעפענונגס־רעדע, אין וועלכער ער האָט מיטגעטיילט וועגן זיין רעזיגנאַציע, האָט ער געוואונשן הצלחה דער דריטער תקופה פון ציוניזם, וואָס הויבט זיך אָן איצט נאָך דעם „ווינער־פעריאָד״ פון הערצל און דעם „קעלנער פעריאָד״ אונטער זיין לייטונג. אַזוי האָט אויפן קאָנגרעס געהערשט קעגנזייטיקע פאַרשטענדניש. זיינע רעזולטאַטן זענען געווען אויסערסט וויכטיקע. מיט צוויי זאַכן האָט זיך דער צענטער קאָנגרעס אויסגעצייכנט: מיט אַן אַלזייטיקער באַהאַנדלונג פון דער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל (מיט וואַרבורגן אַלס הויפּט־רעדנער) און מיט דער באַהאַנדלונג פון דער פראַגע פון דער העברעאישער קולטור. דעם קאָנגרעס האָט לחלוטין געפעלט די אויסערלעך־דעמאָנסטראַטיווע זייט, ער האָט זיך אין

www.libtool.com.cn

גאַנצן אָנגעגעבן דער אינערלעכער אַרבעט פון דער באַוועגונג און צוגרייטן די דורכפירונג פון דער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן האָט זיך אויף דעם קאָנגרעס געפירט אַ זיצונג אויף העברעאיש, אונטערן פאָרזיץ פון אוסישקינען, געווידמעט דער פראַגע פון העברעאישער קולטור. דער קאָנגרעס האָט איצט פאַר־פליכטעט אַלע ציוניסטן צו זאָרגן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער העברעאישער שפּראַך און קולטור. אונטערן דרוק פון די פועלי־ציון (אין דער דעבאַטע האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט ל. ח א ז א־נ אָ ו י ט ש), איז צו דעם באַשלוס צוגעגעבן געוואָרן אַ באַגרינ־דונג: נאָר אין ארץ־ישראל און ניט אין די גלות־לענדער, וואו ס׳איז דערלויבט זיך צו באַנוצן מיט אַנדערע שפּראַכן (געמיינט האָט מען בעיקר — יידיש). אויף דעם קאָנגרעס זענען די „מזרחי״־דעלעגאַטן אַרויס מיט אַ גרויסער באַשולדיקונג, צוליבן חלול־הקודש אין ארץ־ישראל און האָבן אָנגעגריפן די אַרבעטער. געענטפערט אויף דער באַשולדיקונג האָט י. ב ן ־ צ ב י, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג איבער דער כוונה פון „מזרחי״ צו שטערן די פרייהייט פון יחיד אין לאַנד, צווזענדיק, פון אַנדער זייט, אָן קיין שום רעאַגירונג, די באַציאונג פון די אָרטאָדאָקסישע אכרים צו די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל. ש. ק א פ ל אַ נ ס ק י האָט גע־שטעלט פאַרן קאָנגרעס די פראַגע פון די באַציאונגען מיט די אַראַבער און האָט באַטאָנט די פאָדערונג און נויטווענדיקייט צו פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די אַראַבער וועגן אונזער ווערק און אַרבעט אין לאַנד און די נוצן, וואָס זיי האָבן פון אים. ער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף דער נויטווענדיקייט קלאָר צו מאַכן אונזער באַציאונג צו די „יונגע טערקן״, וואָס האָבן אַראָפּ־געוואָרפן דעם סולטאַן און האָבן גרינטלעך געענדערט דעם רעזשים אין טערקיי.

דער גייסט פון שלום, וואָס האָט געבראַכט צו פאָלקאָמער

www.libtool.com.cn

אייניקייט אין דער באַוועגונג, איז געקומען צום אויסדרוק אין דער רעדע פון וואָלפסאָנס הויפּט־קעגנער מ. אוסישקין. אוסישקין, וואָס האָט אויף דעם קאָנגרעס געזאָרגט, אַז די העברעאישע שפּראַך זאָל הערשן אין זיינע פאַרהאַנדלונגען, האָט זיך אין זיין, אויף העברע־איש געהאַלטענער רעדע, געווענדעט צום פלענום פון קאָנגרעס, מיט וואַרעמע אָפּשאַצונגס־ווערטער וועגן וואָלפסאָנען. „איך וויל אָפּשייד נעמען — האָט ער געזאָגט — פון העלד פון קאָנגרעס. ווייסט איר, ווער איז דער גבור פון קאָנגרעס? ער איז דוד וואָלפ־סאָן. אַ גבור איז ער לויט דעם וואָרט אין פרקי־אבות: „איזהו גבור הכובש את יצרו". וואָלפסאָן האָט פאַרשטאַנען, אַז די טובה פון דער באַוועגונג פאָדערט פון אים ער זאָל פאַרלאָזן די לייטונג, הגם ער האָט געקאָנט בלייבן פּרעזידענט, ווען ער וואָלט עס געוואָלט. ער האָט רעזיגנירט, ווייל עס איז אים טייער הערצל'ס ירושה. דעריבער זאָג איך, איינער פון זיינע ערשטע קעגנער, צו אים, אין נאָמען פון אַלע דעלעגאַטן — „כה לחי!"

אָטאָ וואַרבורג, וואָס האָט סימבאָליזירט די ריכטונג פון פּלאַנמעסיקער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל, איז דערוויילט געוואָרן צום פּרעזידענט. ער האָט ריכטיק געזאָגט: „אונזער אויפ־גאַבע איז ניט קיין לייכטע; דער וועג האָט אונז געפירט פון ווין דורך קעלן קיין בערלין. מיר ווייסן, אַז אויך בערלין איז נאָר אַן איבערגאַנגס־פּונקט. וואוהין וועט דער וועג אונז ווייטער פירן — ווייסן מיר ניט. איינס איז אונז קלאָר: ס ו ף ־ ס ו ף  ו ו ע ט  ז י  א ו נ ז  ב ר ע נ ג ע ן  ק י י ן  י ר ו ש ל י ם".

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קאָנגרעס איז וויצמאַנ'ס באַמער־קונג אין פלענום, שוין נאָך באַדנהיימערס שלוס־וואָרט, אַז צווישן די געסט אין זאַל געפינט זיך א ח ד ה ע ם. דער גאַנצער קאָנגרעס האָט דעם טייערן גאַסט, דעם גייסטיקן פירער פון די מזרח־ציוניסטן, באַגלייט מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.

דער קאָנגרעס האָט אַרויסגערופן באַפרידיקונגס־אָפּקלאַנגען פון אַלע זייטן, פון דעם ארבעטער־לאַגער אין לאַנד האָבן זיך אָבער

www.libtool.com.cn

דערטראָגן פּעסימיסטישע אָפּקלאַנגען. ר׳ בנימין האָט עס דאָן אויסגעדריקט אַזוי: „אויסלייזונג פון לאַנד הייסט אויסלייזן אַ דונאַם נאָך אַ דונאַם, אַז — און דאָס איז דער עיקר — דער דונאַם זאָל באַאַרבעט ווערן, במחילה פון זיין גרויסן כבוד, מיט אונזערע אייגענע הענט און באַנעצט ווערן מיט אונזער שווייס, אונזערע טרערן און אונזער בלוט. אָן דער הוספה הויבט דער דונאַם אָן, טראָץ זיין גרויסן יחוס, צו דריקן אויף אונזער נשמה און פאַרביטערן אונזער לעבן״. א. ד. גאָרדאָן האָט דערמיט פאַרבונדן זיין אַרטיקל „די אַרבעט״, וואו ער האָט באַטאָנט די פוסטקייט פון וואָרט „קולטור״, וועלכע ווערט פיל געדראָשן אויף די קאָנגרעסן, ווייל פוסט און אינהאַלטסלאָז איז די קולטור, כל זמן די אַרבעט — און זי איז די קולטור — איז ניט דער יסוד פון מענטש.

## דער עלפטער קאנגרעס

(ווין, 2—9.9.1913; ל׳ אב — ז׳ אלול תרע״ג)

דער קאָנגרעס איז זיך צוזאַמען געקומען אין דער געבורט־שטאָט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע (פּרץ סמאָלענסקין, „קדימה״־פאַרבאַנד), דאָרט וואו עס איז געשטאַנען די וויגעלע פון פּאָליטישן ציוניזם (הערצל). בולט איז געווען אויף דעם קאָנגרעס די אָפּוועזנהייט פון מאַכס נאָרדוי, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן. דאָס איז געווען אַ שטומער, אָבער זייער איינדרוקספולער פּראָטעסט מצד דעם גרויסן פרעדיקער פון פּאָליטישן ציוניזם, ד״ר הערצל׳ס הויפּט־העלפער, קעגן דעם איצטיקן וועג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס איז איצט מיט לייב און לעבן פאַרזונקען אין דער „פּראַקטישער אַרבעט״. אין זיין בריוו, וואָס איז פאַרגעלייענט געוואָרן אויפן קאָנגרעס, האָט נאָרדוי געפאָדערט ניט צו פאַרלאָזן די פּאָליטישע אַרבעט. אַרום דעם בריוו האָט זיך אַנטוויקלט אַ זייטיקער ויכוח: צי מעג אפילו נאָרדוי זיך קעגנשטעלן דער אָפיציעלער ריכטונג פון דער באַוועגונג, אויב אפילו זי איז אים ניט

www.libtool.com.cn

געפעלן. אַ צווייטער ענין, וואָס האָט אַרויסגערופן אויפן קאָנגרעס דעבאַטן קרוב צו דריי טעג, איז געווען — די לייטונג פון באַנק, אונטער וועמענס אויפזיכט זאָל די באַנק שטיין: אונטער דער אויפזיכט פון אַקציאָנס־קאָמיטעט אָדער פון אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, ווי ביז איצט. די באַנק איז געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון אַ לייטונגס־קאָלעגיע מיט וואָלפסאָנען בראש. נאָך דעם, ווי די וואָלפסאָן־גרופּע איז באַזיגט געוואָרן אויפן צענטן קאָנגרעס, איז דער באַנק געבליבן דער איינציקער שטח פאַר זייער טעטיקייט. ווי אַ לייב האָט וואָלפסאָן, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס קאָנגרעס־פּרעזידענט, געקעמפט קעגן איבערגעבן דעם פינאַנסיעלן אינסטרומענט אין די הענט פון „שריפטשטעלער און פּראָפעסאָרן". ווידער זענען די גייסטער אויפגעברויזט געוואָרן. אָבער נאָכן שאַרפן ויכוח צווישן די „באַנקירער און האַנדלס־מענטשן" פון איין זייט און די „גייסטיקע פירער" פון דער אַנדערער זייט, איז געקומען צו אַ פשרה, וואָס האָט פּאַקטיש, ניט פיל געענדערט דעם מצב.

צום ערשטן מאָל האָט דער קאָנגרעס באַקומען אַן אַלזייטיקן באַריכט וועגן דער לאַגע אין ארץ־ישראל און די פּראַקטישע קאָלאָניזאַציע־אַרבעט דאָרט. דעם רעפעראַט אויף דער פראַגע האָט געהאַלטן א. רופּין, וואָס איז אַלס לייטער פון „פּאַלעסטינאַ־אַמט" געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

צום ערשטן מאָל האָבן די דעלעגאַטן פון קאָנגרעס געהערט אַ לויב־געזאַנג דעם יידישן אַרבעטער אין לאַנד, צו זיין איבערגעבנקייט צו דער אַרבעט, ווען מ'גיט אים איבער די איניציאַטיוו. רופּין האָט דערציילט דעם קאָנגרעס וועגן די דערגרייכונגען פון דגניה, כנרת, חולדה, בן־שמן: „די פערמעס זענען אויך צענטראַל־פּונקטן פאַר דער העברעאישער קולטור און שפּראַך. נאָר ווען מיר וועלן באַאַרבעטן דאָס לאַנד מיט אונזערע אייגענע הענט, וועלן מיר האָבן דאָס מאָראַלישע רעכט אויף אים". רופּין האָט זיך אויך

www.libtool.com.cn

אָפּגעשטעלט אויף דער אַראַבישער פראַגע. ער האָט געשילדערט דעם נוץ, וואָס די אַראַבישע איינוואוינער האָבן פון דער יידישער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט, און האָט גערופן זיך דערנענטערן צו די אַראַבער, לערנען זייערע זיטן און לעבנס־שטייגער, כדי צו ברעכן דורכן קעגנזייטיקן קאָנטאַקט זייער קעגנערשאַפט צו אונז.

אַן אומפּאַסנדן רעפעראַט וועגן „דרייסיק יאָר קאָלאָניזאַציע אין לאַנד" האָט געהאַלטן שמריהו לעווין. אויך ער האָט דער־ציילט וועגן די דערגרייכונגען פון דער „קליינער טעטיקייט" אין לאַנד, וואָס מיר האָבן צו פאַרדאַנקען די אָפּפערווילליקע און מוטיקע חלוצים. אויך ער האָט דערציילט וועגן די באַמיאונגען פון יידישן אַרבעטער אין לאַנד, וואָס זוכט מיט אַלע זיינע כוחות אויפצוהאַלטן די יידישע אַרבעט, טראָץ דער קאָנקורענץ פון דער אַראַבישער ביליגער אַרבעט און דער שלעכטער באַציאונג פון אכר צו אים: „מיר האָבן אין לאַנד — האָט געזאָגט ש. לעווין — אַ נייעם חלוץ, וואָס שטעלט זיין לעבן אין קאָן, אין פשוטן זין פון וואָרט, ווייל דער ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט, פאָדערט פון אים צו אָפּפערן זיין לעבן, ווען נויטיק. דאָס זענען די נייע שומרים, וואָס שיצן מיט זייער לעבן אונזער נאַציאָנאַלן האָב און גוטס. אַ נייעם טיפּ מענטש זעט איר צווישן זיי, אַ יוגנטלעכן, וואָס ווייסט ניט קיין פחד, דאָרט וואו עס האַנדלט זיך וועגן כבוד פונם יידישן ישוב. ניט קיין סך אין גלות ווייסן וועגן די גרויסע טאַטן פון די שומרים, און די, וואָס האָבן עפּעס געהערט וועגן דעם, מיינען, אַז דאָס זענען מעשה׳לעך, אויסגעטראַכטע פון דער מזרח־פאַנטאַזיע. אָבער, רבותי! ניט קיין לעגענדע דערציילט מען אייך וועגן די טאַטן פון די דאָזיקע יוגנטלעכע, נאָר פאַקטן, אמתע פאַסירונגען" — — —

דער „טשוואָק" פון דעם קאָנגרעס איז געווען דער פאָרטראַג וועגן גרינדן אַ העברעאישן אוניווערזיטעט אין ירושלים. שוין לאַנג האָט דער געדאַנק געשוועבט אין דער לופט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, זיינע טרעגער־איניציאַטאָרן

www.libtool.com.cn

זענען געווען פּראָפּ. צבי הערמאַן ש פּ י ר א, יוסף קלויזנער, חיים ווייצמאַן א. א. דאָס מאָל האָט אוסישקין זיך גענומען צו דער זאַך. זייענדיק נאָר־וואָס אין ארץ־ישראל, איז ער שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער העברעאישער גימנאַזיע „הרצליה" אין דער יונגער תל־אביב און דער העברעאישער גימנאַזיע אין ירושלים. וואו וועלן גיין די אַבסאָלווענטן פון די גימנאַזיעס? עס איז, לויט זיין מיינונג, געקומען די שעה צו באַהאַנדלען די פראַגע פון א העברעאישן אוניווערזיטעט. אין זיין רעפעראַט אויפן קאָנגרעס וועגן דער קול־טור־אַרבעט אין לאַנד, האָט ער זיך אויספירלעך אָפּגעשטעלט אויף דעם אויבן־דערמאָנטן פּאָרשלאַג, קלאָר אָנערקענענדיק, אַז עס פעלט אונז נאָך דערווייל אַלץ, וואָס איז נויטיק פאַר אַזאַ אַנשטאַלט. „אָבער עס איז פאַראַן איין זאַך, וואָל קאָן איבערוועגן די אַלע שטערונגען און קאָן דעצידירן, דאָס איז די נ ו י ט ו ו ע נ ד י ק י י ט פון דער זאַך און דער ו ו י ל ן". א ספּעציעלן רעפּעראַט וועגן דעם אוניווערזיטעט האָט געהאַלטן חיים ווייצמאַן. ער האָט דערקלערט די נויטיקייט פון אַזאַ הויכן אַנשטאַלט, נעמענדיק אין באַטראַכט דעם פאַקט, אַז פיל אוניווערזיטעטן אין אויסלאַנד זענען פאַר יידן געשלאָסן. מיר מוזן אונזער קולטור־לעבן בויען אויף אונזער זעלבס־שטענדיקן אָריגינעלן וועג אין ארץ־ישראל.

„דער פיבער פון גייסטקייט", וואָס האָט, לויטן אויסדרוק פון יוסף אהרונאָוויטש, ארומגעכאַפּט דעם קאָנגרעס, און באַזונדערס דער פּאָרשלאַג וועגן דעם אוניווערזיטעט, האָט געפונען א ברייטן אָפּקלאַנג אין דער אַרבעטער־פּרעסע אין לאַנד. אויף דער טעמע האָבן געשריבן א. ד. גאָרדאָן („דער אוניווערזיטעט"), א. ציוני און יוסף אהרונאָוויטש. די עיקר־פראַגע איז געווען — צי איז כדאי לייגן אונזער מי צו שאַפן א הויכן אַקאַדעמישן לער־אַנשטאַלט, נאָך איידער מיר האָבן ווי געהעריק געשלאָגן וואָרצלען אין לאַנד דורך אונזער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט?

אויף דעם קאָנגרעס איז יוסף אהרונאָוויטש אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פון „הפועל הצעיר" מיט אַן אָנקלאַגע אויפן נאַציאָנאַל־

www.libtool.com.cn

פּאָנד, וואָס דערוועקט ווייניק נאַציאָנאַלן באַדן און גיט זיך צופיל אָפּ פּריוואַטע אונטערנעמונגען. אויך האָט ער באַשולדיקט די עקזעקוטיווע פאַר איר באַציאונג צו דער העבּרעאישער שפּראַך. דאַקעגן, האָבן די פאָרשטייער פון די „פּועלי־ציון“ ל. חזאַנאָוויטש (כתריאל) און מ. ראָזנפעלד אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט קעגן דער באַציאונג צו יידיש און דעם אַנטקעגנקומען פון דער עקזע־קוטיווע די „מזרחי“־לייט און די אָרטאָדאָקסיע.

די רעזאָלוציע וועגן דעם אוניווערזיטעט איז אָנגענומען געוואָרן מיט גרויס בייפאַל.

אַ באַזונדערע איבערלעבונג פאַר די דעלעגאַטן פון קאָנגרעס איז געווען ח. נ. ב י אַ ל י ק ׳ ס רעדע אויף דער שלוס־זיצונג פון קאָנגרעס. אין זיין קורצער רעדע האָט ביאַליק געבראַכט צום אויסדרוק די געפילן פון אַ טרייעם זון פון דער העבּראישער קולטור, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעזאָלוציע וועגן דעם העבּרע־אישן אוניווערזיטעט.

אויף ווידערזעען אויפן צוועלפטן קאָנגרעס!“ — האָט אויס־גערופן דוד וואָלפסאָן, שליסנדיק דעם קאָנגרעס. אָבער ער אַליין האָט שוין ניט זוכה געווען. ער איז געשטאָרבן אין ערשטן יאָר פון קריג.

די מלחמה האָט מיט איין מאָל געענדערט די לאַגע פון יידנטום אויף דער גאָרער וועלט און האָט געשטעלט די הויפּט־פּראָגן פון ציוניזם אין אַ נייעם ליכט.

## דער צוועלפטער קאָנגרעס

(קאַרלסבאַד, 1—14.9.1921 ; כ״ח אב—י״א אלול תרפ״א)

די וועלט־מלחמה האָט איבערגעטרייסלט די יידישע קבוצים אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע, וואָס זענען געווען אַן אומ־אויסשעפּלעכער מקור פאַרן ציוניזם. דאָס רוסישע יידנטום איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון וועלט־יידנטום, און די ציוניסטישע טעטי־קייט איז דאָרט שריט נאָך שריט פאַרבאָטן געוואָרן. צום דעם אַלעמען איז נאָך צוגעקומען די קללה פון די פּאָגראָמען אויף יידן

www.libtool.com.cn

וואָס האָבן גרויסע טײלן פון די ייִדישע קבוצים אין די מזרח־לענדער געשטעלט פאַרן נויט פון עמיגראַציע. די ציוניסטישע פּירערשאַפט, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפן עלפטן קאָנגרעס איז געווען צוזאַמענגעזעצט פון בירגער פון פאַרשידענע לענדער, אויך די ציוניסטישע ביוראָ אין דער נייטראַלער קאָפּענהאַגען האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט גרויס אַקטיוויטעט. אין ענגלאַנד, דאַקעגן, האָט אַ הייפל ציוניסטישע טוער, מיט חיים ווייצמאַנען בראָש, אַנטוויקלט אַ גרויסע טעטיקייט, אונטערן טרייען ראָט פון אחד העם. זייער טעטיקייט אין די מלחמה־יאָרן האָט געבראַכט צו דער ווענדונג, וואָס הערצל האָט אויף איר אויסגעקוקט — אָנער־קענונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג דורך ענגלאַנד, אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע (פון 2־טן נאָוועמבער 1917). דער ארץ־ישראל מאַנדאַט איז איבערגעגעבן געוואָרן ענגלאַנד און איז שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן אין סאַן־רעמאָ. דאָס קומען פון „ועד הצירים״ קיין ארץ־ישראל, ווי אַן אָפיציעל־אָנערקענטער מוסד פון דער רעגירונג, האָט דערוועקט גרויסע האָפענונגען ביי די ייִדן אין אַלע גלות־לענדער: די באַוועגונג איז אַרויף אויפן דרך־המלך פון אינערלעכער און אויסערלעכער טעטיקייט.

אָבער דער אָנהויב פון דער „פּראַקטישער אַרבעט״ אין „נאַציאָנאַלן היים״ האָט געבראַכט שווערע אַנטוישונגען. די באַ־ציאונג פון דער מאַכט צום ייִדישן ישוב, דאָס שטענדיקע באַ׳עולען אים, די תל־חי געשעענישן — דאָס אַלץ האָט אַלעמען געצוואונגען צו אָנערקענען, אַז עס איז נויטיק צו אַנטוויקלען אַ גרויסע טעטי־קייט, כדי צו הויבן און שטאַרקן דעם ציוניסטישן געדאַנק אין ייִדנטום און אים ברענגען די אָנערקענונג פון די פעלקער פון דער וועלט. מ׳דאַרף אויך מאָביליזירן גרויסע געלט־מיטלען פאַרן אויפבוי פון לאַנד. אין יולי 1920 איז זיך צוזאַמענגעקומען אין לאָנדאָן די ערשטע ציוניסטישע קאָנפערענץ נאָכן עלפטן קאָנגרעס, וועלכע האָט אויפגעקלערט די וועגן פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק, די מיטלען צו פאַרגרעסערן דעם ישוב און די ייִדישע קאָלאָניזאַציע־

www.libtool.com.cn

אַרבעט אין ארץ־ישראל. ווייצמאַן וואָס איז געווען דער פּאַקטישער פירער, איז איצט דערווײַלט געוואָרן צום פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נ. סאָקאָלאָוו — פּאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע און לואי בראַנדייס אַלס ערן־פּרעזידענט.

דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, וואָס האָט ביזן וועלט־קריג ביט פאַרנומען קיין קענטיקן אָרט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און עטלעכע אויסדערוויילטע פּערזענלעכקייטן האָבן אים רעפּרעזענטירט אויף די קאָנגרעסן, האָט אין די מלחמה־יאָרן אָנגעהויבן זיך צו באַטייליקן אין דעם ארץ־ישראלדיקן ווערק אין אַ גרויסן מאַס־שטאַב. דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל, וואָס איז געווען אין די מלחמה־יאָרן אין גרויס נויט, האָט באַקומען גרויסע שטיצע פון אַמעריקאַנער יידנטום. אַזוי אַרום האָבן ביים סוף פון קריג עטלעכע זייער איינפלוסרייכע פּערזענלעכקייטן פון אַמעריקאַנער יידנטום זיך אָפּגעגעבן מיט די פראַגן פון אויפבוי און שאַפן אין ארץ־ישראל. דער ריכטער לואיס בראַנדייס, וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פון דער גרופּע, האָט געוואָלט די ציוניסטישע אַרבעטס־מעטאָדן אין לאַנד ענדערן פון גרונט־אויס. אַנשטאָט דער חלוצישער באַוועגונג, וואָס דער טרייבנדער גייסט אין איר איז אָפּפערווילִיקייט און זאָרג פאַרן כלל, האָט, לויט בראַנדייסן, געזאָלט קומען דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אַרבעטס־מעטאָד, מיט דער באַטייליקונג פון גרויסע טעכנישע כוחות, וואָס זייער פאַרבאַדינגונג איז, זעלבסטפאַר־שטענדלעך, ריווח און געהעריקער באַצאָל פאַר די קאַפּיטאַל־באַזיצער און אינוועסטירער. קלאָר, אַז דער וועג איז געווען אומ־אָנעמבאַר פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַלס הויפּט־וועג פאַרן אויפבוי פון לאַנד. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געמוזט, קודם־כל, זאָרגן, אַז ארץ־ישראל זאָל קאָלאָניזירט ווערן דורך אַ יידישן אַרבעטס־פאָלק, וואָס לעבט אויף זיין אייגענער אַרבעט. זי מוז דעריבער בויען דאָס לאַנד און אויפשטעלן נייע ווערק, וואָס האָבן אַ נאַציאָנאַלן ווערט. דאָס קאָן דערגרייכט ווערן מיט דער הילף פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ, וואו

www.libtool.com.cn

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן צו דעם צוועק דעם „קרן־היסוד‟, איז געקומען צום ערשטן צוזאַמענשטויס צווישן די „בראַנ־דייסיסטן‟ און דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די באַוועגונג האָט אָפּגעוואָרפן בראַנדייסעס וועג, און זיין גאַנצע גרופּע האָט זיך אַנטזאָגט פון ווייטערער טעטיקייט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, הגם זי האָט פאָרגעזעצט צו אַנטוויקלען אין לאַנד עקאָנאָמישע אַנשטאַלטן לויט איר אייגענעם איינזען. דעו־ווייל זענען אין לאַנד אויסגעבראָכן די אומרועו אין יפו און ירושלים. עבר־הירדן איז אָפּגעטיילט געוואָרן פון ארץ־ישראל. די עליה איז פאַרבאָטן געוואָרן, און די אַראַבישע העצערייען זענען געשטיגן פון טאָג צו טאָג. אין צייכן פון די אַלע שווערע פּראָ־בלעמען און ביטערע טעג, וואָס זענען געקומען נאָך די האָפענונגס־פולע טעג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, איז זיך צוזאַמענגעקומען אין קאַרלסבאַד דער צוועלפטער ציוניסטישער קאָנגרעס.

די בראַנדייסיסטן, וואָס זענען באַזיגט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, זענען נישט דערשינען אויפן קאָנגרעס, אָבער זייער גייסט האָט אויף אים געשוועבט: אַנקלאַגע־געשרייען וועגן כלומרשטע געלט־פאַרשווענדערייען אויפן יידישן דערציאונגס־וועזן, דאָס גרינגשעצן דעם יידישן אַרבעטער און זיינע וואונדערבאַרע דערגרייכונגען אין די טעג פון דער דריטער עליה — זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר פיל אַרויסטרעטונגען אויפן קאָנגרעס.

ווייצמאַן האָט אין זיינע רעפעראַטן און ענטפער אויף דער דעבאַטע פאַנאַנדערגעוויקלט פאַרן קאָנגרעס צום ערשטן מאָל די גרויסע פּאָליטישע טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די מלחמה־יאָרן, פאַר וועלכער ער און סאָקאָלאָוו זענען פאַר־אַנטוואָרטלעך. ער האָט געשילדערט די דערגרייכונגען און גערופן צו דערפילן די גרויסע אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַרן יידישן פאָלק ביים פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם. אויך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף די קריזיס־טעג, וואָס דאָס לאַנד מאַכט דורך.

www.libtool.com.cn

רופין האָט געבראַכט פאַרן קאָנגרעס דעם ענין פון עמק־יזרעאל. דער קאָנגרעס האָט באַשטעטיקט דאָס דערוועגבן פון באַדן אין עמק און אויך די עליה אויפן געקויפטן באָדן אין עמק, וואָס איז אין די קאָנגרעס־טעג צושטאַנדגעקומען. פאַר דער באַשטעטיקונג האָבן געקעמפט אויפן קאָנגרעס די אַרבעטער־פאַרשטייער און די פירנדע חברים פון דער עקזעקוטיווע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן דעם גרויסן נאַציאָנאַלן ווערט פון דעם אויפטו. ווי געזאָגט, האָט עס דער קאָנגרעס אַ דאַנק זייער מי באַשטעטיקט.

צווישן די, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט די אַטאַקעס פון רעכטן פליגל אויף די אַרבעטער, איז געווען דער נאַציאָנאַלער דיכטער חיים נחמן ביאַליק. ער האָט צ. אַ. אויסגעפירט: „זאָלן די רעכטע וויסן, אַז דוקא דער דערהאַבנסטער טאַט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אונזער צייט איז דערגרייכט געוואָרן דורכן לינקן פליגל פון דער באַוועגונג, און ניט נאָר אין ארץ־ישראל אַליין. אין דער שרעקלעכער לאַגע אין רוסלאַנד זענען מיר עדות פון אַ גרויסער דערשיינונג: צענדליקער טויזנטער יידישע יוגנטלעכע, קינדער פון קרעמער, וואָס האָבן אויף זייער לעבן ניט פאַרזוכט דעם טעם פון שעפערישער אַרבעט, רייסן זיך דורך אַלע גרעניצן, אונטער לעבנס־געפערלעכע באַדינגונגען, צום לאַנד פון אונזערע האָפנונגען, כדי צו אַרבעטן לאַנגע חדשים און יאָרן שווערע פיזישע אַרבעט און צו ווערן אַ פּראָדוקטיווער עלעמענט, וואָס לעבט פון זיין אייגענער פּראַצע. וואו האָט איר שוין געזען אַזאַ דערשיינונג? וואו האָט איר געזען, אַז יוגנטלעכע זאָלן זיך פאַרמשפטן צו שווערער אַרבעט? די דערשיינונג איז אָן יעדן פּרעצעדענט אין דער געשיכטע, עס איז דער ערשטער פאַל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אויב מיר האָבן נאָך אַ גרונט פאַר אונזער האָפנונג, אַז אונזער לעבנס־שטייגער וועט זיך ענדערן צום גוטן — איז עס נאָר אַ דאַנק אָט דער יוגנט, אויף איר איז אונזער האָפנונג. זיי וועלן זיין די ערשטע, וואָס וועלן פאַרווירקלעכן אין

www.libtool.com.cn

זייער לעבן דעם חלום פון די בעסטע אין דער מענטשהייט. וואָס אַנדערע האָבן ניט געקאָנט דערגרייכן מיטן כח פון פויסט, וועלן זיי דערגרייכן אויף אַ שטילן און באַשיידענעם אופן. צו דער פיזי־שער אַרבעט וועלן זיך אונזערע יוגנטלעכע באַציען יידישלעך, ווי צו אַ רעליגיעזן געבאָט, מיט דער זעלבער דבקות, ווי אונזערע עלטערן האָבן זיך באַצויגן צו די תרי״ג מצוות. אָט די „רעליגיע פון אַרבעט" — איר מקור איז ארץ־ישראל. — — — ווער ווייס, אויב איין טאָג וועט ניט דערשיינען אַ נייער „שולחן ערוך", אַ מסכתא פון אַרבעט, וואָס וועט אונז לערנען, ווי אַזוי דאַרף אַ ייד אַרבעטן, כדי צו לעבן פון זיין אייגענער פראַצע — — — —".

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן איז אויף דעם צוועלפטן קאָנגרעס אויסגעוויילט געוואָרן אַן אַרבעטער־פאָרשטייער (יוסף שפרינצאַק), אַלס מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע און פון קליינעם אַקציאָנס־קאָמיטעט.

## דער דרייצענטער קאָנגרעס

(קאַרלסבאַד, 6—18.8.1923; כ״ד אב—ו׳ אלול תרפ״ג)

„דער קאָנגרעס האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַ טריבונע בלויז פאַר אַבסטראַקטע ויכוחים וועגן ציוניזם און אַ צענטער פאַר פּראָפּאַגאַנדיסטישע דעקלאַראַציעס. דער ציוניסטישער קאָנגרעס, טראָגן זיינע אַלע שוואַכע זייטן, איז היינט צו טאָג דער איינציקער העכסטער אַנשטאַלט פון יידישן פאָלק, וואָס שאַפט טריט־נאָך־טריט די פאָלקס־אינסטרומענטן פאַר דער אויסלייזונג פון אונזער לאַנד, פאַר איר קאָלאָניזירונג, פאַר אויפבוי און עליה. די ויכוחים אויפן קאָנגרעס זענען שוין ניט מער טעאָרעטישע דיסקוסיעס וועגן פאַרנעבלטע אויפפאַסונגען, וואָס זענען געריכטעט צו דער ווייטער צוקונפט, נאָר זיי זענען דער אויסדרוק פון לעבע־דיקע אינטערעסן און באַהאַנדלונגען, וואָס פירן זיך טאָג־טעגלעך אין ראַמען פון דער ארץ־ישראלדיקערווירקלעכקייט". מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ב. קאַצענעלסאָן באַגריסט דעם 13־טן קאָנ־

www.libtool.com.cn

גרעס, וואָס די עיקר־פּראַגע אויף זיין סדר־היום איז געווען דער פּאָרשלאַג וועגן דער „פאַרברייטערטער יידישער אַגענץ״ פאַרן פאַרשטאַרקן דעם אויפבוי פון לאַנד.

ערב דעם קאָנגרעס איז דורכן פעלקער־בונד באַשטעטיקט געוואָרן דער מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל, וואָס באַדייט, לויט חיים ווייצמאַנ׳ס אויסדרוק: „די באַשטעטיקונג פון די פּאָליטישע האָפּ־נונגען און שטרעבונגען פון דעם יידישן פאָלק״. דער מאַנדאַט האָט אָנערקענט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אַלס די יידישע אַגענץ פאַר ארץ־ישראל, וואָס דאַרף אַרומנעמען אַלע יידן, וואָס זענען גרייט צו העלפן דעם אויפבוי פון לאַנד. ווייצמאַנ׳ס רוף צום יידישן פאָלק — „יידיש פאָלק, וואו ביסטו? — האָט ווי באַוואוסט ניט געבראַכט דעם געהעריקן אָפּרוף. עס האָבן זיך, אמת, אָפּגערופן, ווי פאַר דעם רוף אַזוי נאָך אים, טויזנטער חלוצים, וואָס האָבן געשטראָמט, מיט אַ דערלויבעניש און אָן אַ דערלויבעניש, קיין ארץ־ישראל, האָבן זיך פאַרשפּרייט אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד, האָבן געבויט נייע פּונקטען און געפּלאַסטערט וועגן. זיי האָבן איינ־טייל געגומען אין יעדן נייעם אויפטו אין לאַנד. עס האָבן זיך אָבער ניט אָנגערופן די אַלע, וואָס זענען אויפגעפּאָדערט געוואָרן זיך צו באַטייליקן מיט זייער געלט און אויפשטעלן אַרבעטס־שאַפנדע אונטערנעמונגען אין לאַנד. פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן איז געקומען דער פּאָרשלאַג (אויף זייער קאָנפערענץ אין באַל־טימאָר אָנפאַנג 1922) צו קאָאָפּטירן צו דער ציוניסטישער אָנפירונג די יידישע קרייזן, וואָס זענען גרייט מיט זייער ענערגיע און קאַ־פּיטאַל זיך צו באַטייליקן אין אויפבוי פון לאַנד, הגם גייסטיק־פּאָליטיש זענען זיי ווייט פון ציוניסטישן געדאַנק.

אין זיין דערעפענונגס־רעדע האָט ווייצמאַן באַגרינדעט די פּאָזיטיווע זייטן פון דעם פּאָרשלאַג מיט דער דרינגלעכקייט פון אויפבוי פון לאַנד, אין פאַרגלייך מיט דער איצטיקער לאַנגזאַמער אַרבעט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס אָנשליסן זיך פון די ניט־ציוניסטן איז ביכולת צו ברענגען גרויסע נוצן אונזער ווערק

www.libtool.com.cn

און פיל פאַרלייכטערונגען: „די באַטייליקונג פון די ניט־ציוניס־טישע טיילן פון יידנטום וועט שטאַרקן אונזער פּאָליטישן כוח, וועט פאַרגרעסערן אונזערע פינאַנציעלע מיטלען און וועט קאָנצענטרירן די יידישע ענערגיע פאַרן אויפבוי פון לאַנד, וואָס וועט איצט געפירט ווערן פלאַנמעסיק, לויט אַן איינהייטלעכער אַרבעטס־סיסטעם".

אָבער פון אַלע זייטן זענען אויפגעשטאַנען שאַרפע קריטיקער פון פלאַן. דער עיקר חשש איז געווען, טאָמער וועט די פאַרברייטערטע אַגענץ פאַרטושן דעם פּאָלקסטימלעך־דעמאָקראַטישן כאַ־ראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס ציילט שוין צענ־דליקער יאָרן פון דעמאָקראַטישער טראַדיציע. די געלט־מאַגנאַטן, וועלכע האָבן זיך איצט געדאַרפט אַנשליסן אָן דעם ציוניסטישן ווערק, זענען געווען ווייט פון אירע גייסטיקע מקורות. בערל קאַצענעלסאָן האָט דעם חשש אויסגעדריקט מיט די ווערטער: „כל זמן די ציוניסטישע באַוועגונג פירט איר אַרבעט אַלס אַן יידיש־פאָלקסטימלעכע באַוועגונג, מוז זי זיך רעכענען מיט דער א"י־דיקערווירקלעכקייט און פירן איר קאָלאָניזאַציע־אַרבעט מיט דער הילף פון אַרבעטער־קלאַס און דורך אים, ווייל קיין אַנדער בויער איז ניטאָ. אויב איר ווילט פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם, קאָנט איר ניט אויסקומען אָן דעם יידישן אַרבעטער. אויב אָבער די השפעה אויפן גורל פון דער באַוועגונג און איר קאָלאָניזאַציע־אַרבעט וועט איבערגיין אין אַנדערע הענט, צו מענטשן, וואָס זיינען ווייט פון פאָלקסטימלעכן לעבן און פאַרשטייען ניט דעם אַרבעטער — וועט די אַרבעט ניט אויסגעפירט ווערן".

דער ויכוח וועגן דער אַגענץ איז אויך נאָכן 13־טן קאָנגרעס ווייטער געפירט געוואָרן, און זיך פאַרענדיקט ערשט אויפן זעכצעטן קאָנגרעס מיט דער גרינדונג פון דער אַגענץ (1929). די טרעגער פון דעם געדאַנק, מיט חיים ווייצמאַנען בראש, האָבן פיל כוחות געווידמעט און ניט געשפּאָרט קיין מי, אַז מיט דער גרינדונג פון דער אַגענץ זאָל די ציוניסטישע באַוועגונג ניט אויסגעליידיקט ווערן

www.libtool.com.cn

פון איר רייכן אינהאַלט, פון אירע שעפערישע אידייען, ביז אַפילו די קעגנער פון דעם פאָרשלאַג (אויסער די רעוויזיאָניסטן) האָבן זיך איבערצייגט אין זיין צוועקמעסיקייט און ריכטיקייט.

דער קאָנגרעס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער אויספירלעכער באַהאַנדלונג פון דיווירטשאַפטלעכע פראַגן און האָט אויפגעקלערט די מעגלעכקייט צו געפינען ברייטע מיטלען פאַרן אויפבוי פון לאַנד, אויסער דעם קרן היסוד. דער יונגער חיים אַרלאָזאָראָוו האָט איבעראַשט דעם קאָנגרעס מיט זיין גוט באַטראַכטן, פּלאַנמעסיקן פינאַנסיעלן פּראָיעקט. אַזוי האָט אויך דער קאָנגרעס געהערט דעם רעפעראַט פון זלמן רובאַשאָוו וועגן די יסודות פון „החלוץ" און זיין גרויס באַדייט פאַרן אויפבוי פון לאַנד. דער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן דערעפענען דעם העברעאישן אוניווער־זיטעט אין ירושלים און האָט דערמיט דערפילט דעם ווילן פון די בעסטע ציוניסטן, וואָס האָבן געהאַלטן די רענעסאַנס פון דער העברעאישער קולטור פאַר אַ צענטראַלן יסוד אין דער ציוניסטישער פּראָגראַם.

## דער פערצענטער קאָנגרעס

(ווין, 18—31.VIII.1925 ; כ"ח אב — י"א אלול תרפ"ה)

דער קאָנגרעס איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון דער אויפשטייגנדער פערטער עליה, מיט אַלע אירע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן. די פערטע עליה — וואָס מער עס איז געוואַקסן איר פאַרנעם און אירע אויפטוען אין תל־אביב (די פאַרגרעסע־רונג פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און דאָס גרינדן נייע), אין דער פּריוואַטער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע (בני־ברק, מגדיאל, הרצליה, רעננה און די עליה פון די חסידים א. א.), אַלץ מער זיינען בולטער געוואָרן אירע נעגאַטיווע באַגלייט־דערשיי־נונגען, וואָס די בולטסטע איז געווען די ספּעקולאַציע. די פערטע עליה, די עליה פון מיטלשטאַנד פון פוילן, וואָס איז געשטויסן געוואָרן דורך דעם דרוק פון דער פּוילישער רעגירונג אויף די

www.libtool.com.cn

עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די יידן, האָט געבראַכט מיט זיך די אידעאָלאָגיע, אַז די נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע, וואָס ווערט געפירט דורך די חלוצים און דעם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, איז צו טייער און אירע דערגרייכונגען זיינען קלענער פון דער פּריוואַטער קאָלאָני־זאַציע. די דאָזיקע אויפפאַסונג, וואָס האָט נאָך פריער געהאַט ניט ווייניק אָנהיינגער, האָט איצט געפונען איר „באַגרינדונג" אין די דערגרייכונגען פון דער פערטער עליה. איז טאַקי קיין וואונדער ניט, וואָס אַט דער קאָנגרעס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פריידיגער פּאַר פּריוואַטער קאָלאָניזאַציע אָנשטאָט דער נאַציאָנאַלער.

אין זיין דערעפענונגס־רעדע האָט ד"ר ווייצמאַן זיך אָפּגע־שטעלט אויף די דערגרייכונגען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער תקופה צווישן די לעצטע צוויי קאָנגרעסן: די דערעפענונג פון דעם העברעאישן אוניווערסיטעט, דער אויפשטייג פון דער פערטער עליה, וואָס דער קאָנגרעס איז איצט מחויב צו באַהאַנדלען אירע פּראָבלעמען. די ציוניסטישע פּאָליטיק, דאַקעגן, האָט ניט געהאַט צו פאַרצייכענען קיין קענטיקע דערגרייכונגען. הערבערט סעמיואל האָט פאַרענדיקט 5 יאָר דינסט, אַלס הויך־קאָמיסאַר אין לאַנד, דער וועג פון זיין שטעל־פאַרטרעטער, לאָרד פּלומער, איז נאָך ניט געוועזן קלאָר. אויך אין דער פראַגע פון דער אויסגעבריי־טערטער אַגענץ האָט ווייצמאַן געפאָדערט אַ קלאָרן און דייטלעכן באַשלוס. דער ויכוח וועגן דער פראַגע — פּריוואַטע אָדער נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע — האָט אויף דעם קאָנגרעס פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט. פאַר דער פּריוואַטער קאָלאָניזאַציע און קעגן דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע (הויפּטזעכלעך קעגן די קבוצים אַלס קאָלאָניזאַציע־פאָרם) זיינען אַרויסגעטראָטן ג. האַלפּערין, ז. שאָקען און אַגראָנאָם סאָסקין. דער לעצטער האָט אפילו געהאַט פאַרצולייגן אַן אייגענעם פּלאַן פאַר קאָלאָניזאַציע, וואָס האָט געזאָלט זיין ביליקער אין פאַר־גלייך צו דער טייערער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע. קעגן זיי זענען אַרויסגעטראָטן אין וואָרט און שריפט די דערפאַרענע טוער פון די אַרבעטער־ישובים אין לאַנד, וואָס האָבן באַוויזן אויפן סמך פון זייער

www.libtool.com.cn

רייכער דערפֿאַרונג די גרונטלאָזיקייט פֿון די אַלע חשבונות פֿון די כלומערשטע „זאַכקענער", וואָס זייער קענטעניש פֿון די באַדינ־גונגען אין לאַנד שטייגט ניט אַריבער די אויבערפֿלעכלעכע ידיעות פֿון אַ דורכלויפֿנדן טוריסט. אויך האָבן זיי זיך קעגנגעשטעלט דער טענה, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג באַקעמפֿט די פֿערטע עליה „דאָס איז אַן אויסטראַכטעניש — האָט אויסגערופֿן בן־גוריון — ווען מען זאָגט, אַז די אַרבעטערשאַפֿט באַציט זיך נעגאַטיוו צו די נייע עולים. דער מיטלשטאַנד — זענען דאָך אונזערע טאַטעס און מאַמעס — —"

אויך ווייצמאַן אין זיין ענטפֿער־רעדע האָט זיך באַזונדערס אָפּ־געשטעלט אויף דער גרינשעצונג פֿון דער קאָלעקטיווער קאָלאָ־ניזאַציע מצד די בירגערלעכע דעלעגאַטן, וואָס האָבן אויפֿן קאָנגרעס זי באַצייכנט מיטן שפּאָט־נאָמען „קעסט־קינדער". „אמת — האָט ווייצמאַן געזאָגט — עס זענען פֿאַראַן דעפֿיציטן אין די קבוצות און מושבי עובדים, אָבער ווען מ'רעדט וועגן זיי, טאָר מען ניט פֿאַר־געסן דעם אונמערקבאַרן קאַפּיטאַל: קאָלאָסאַלע ענערגיע, הונגער, קדחת, — דאָס זענען פֿונקטן, וואָס דערשיינען ניט אין באַלאַנס — אָבער זיי דאַרפֿן ניט פֿאַרגעסן ווערן. — — —"

אויף דעם קאָנגרעס האָט פֿאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט דער עקזעקוטיווע־קריזיס אין צוזאַמענהאַנג מיט ד"ר ווייצמאַנס דער־קלערונג, אַז דער נוסח פֿונם צוטרוי־וואָטום איז פֿאַר אים ניט אָנעמבאַר. אויך ד"ר רופּין האָט דעמיסיאָנירט, נאָך 18 יאָר טעטי־קייט, אַלס לייטער און וועג־ווייזער פֿון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָ־ניזאַציע. זיין דעמיסיע איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט גרויס צער פֿון אַלע פֿריינט פֿון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע.

דער קאָנגרעס האָט באַשטעטיקט דעם „איינהייטלעכן שקל" אַנשטאָט די באַזונדערע פּאַרטייאישע שקלים, וואָס זענען געווען אָנגענומען ביז איצט.

www.libtool.com.cn

## דער פופצענטער קאָנגרעס

(באַזעל, 30.VIII—11.IX.1927 ;; ב׳—י״ד באלול תרפ״ז)

די פּראָספּעריטי־טעג פון דער „פערטער עליה״ האָבן לאַנג ניט געדויערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קריזיס, וואָס איינער פון זיינע רעזולטאַטן איז געווען אַ שווערע אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס האָט געטראָפן כמעט אַ דריטל פון דעם יידישן אַרבעטער־צבור אין לאַנד. די עליה קיין ארץ־ישראל האָט זיך כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, ניט ווייניקע האָבן דאָס לאַנד פאַרלאָזן און האָבן פאַרשפּרייט אין די גלות־לענדער שלעכטע ידיעות וועגן דער לאַגע. דער ווירטשאַפטלעכער און גייסטיקער קריזיס האָט באַשעפטיקט די באַוועגונג און אירע פירער, וועלכע האָבן געזוכט מיטלען, ווי אַזוי צו איבערווינדן דעם קריזיס און אַרויספירן די באַוועגונג אויפן דרך־המלך. ווען עס איז זיך צוזאַמענגעקומען דער פופצענטער קאָנגרעס אין באַזעל, צום דרייסיקסטן יובל פון ערשטן קאָנגרעס, איז עס געווען אַ פאַרשטערטער יום־טוב. דער ביטערער קריזיס האָט געדריקט, ווי אַ קאָשמאַר, אויף דעם קאָנגרעס.

ווייצמאַן האָט, ווי שטענדיק, אין זיין דערעפענונגס־רעדע זיך אָפּגעשטעלט אויף די אויסערלעכע און אינערלעכע פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג, אָבער באַזונדערס האָט ער באַטאָנט די צענטראַלע פראַגע איצט: ווי אַזוי זאָל דער קריזיס ליקווידירט ווערן. „דער קאָנגרעס טאָר זיך ניט שליסן — האָט ער אויסגעפירט — איידער ער האָט געפונען מיטלען צו פאַרלייכטערן די נויט פון די אַרבעטסלאָזע אין לאַנד. פון דער טריבונע פון יובל־קאָנגרעס דאַרף געשיקט ווערן ניט נאָר אַ גרוס און אַ דאַנק אונזערע מענטשן אין ארץ־ישראל, נאָר אַ גוט באַטראַכטער פּלאַן צו ברעכן די נויט און פאַרפעסטיקן אונזער ווערק״.

דער קאָנגרעס האָט באַהאַנדלט פאַרשידענע פאָרשלאַגן וועגן אַ גרויסער נאַציאָנאַלער הלוואה אין קאַמף קעגן קריזיס, און וועגן דעם, אַז די שטיצע־געלדער פאַר אַרבעטסלאָזע זאָלן אויסגעגעבן

www.libtool.com.cn

ווערן אויף פראָדוקטיווע צוועקן. די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־שאַפט איז אויף דעם קאָנגרעס שטאַרק אָנגעגריפן געוואָרן מצד געווויסע טיילן פון דער באַוועגונג. אויף דעם קאָנגרעס האָט רופין געהאַלטן איינע פון זיינע גלענצענדע רעדעס; ער האָט אויפגעקלערט די וועגן פון חלוציזם אין ארץ־ישראל און זיין גרויסן נאַציאָנאַלן ווערט, אין קעגנזאַץ צום בעלי־בתישן עולם, וואָס האָט איצט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ און צייכענט זיך אויס מיט פוסטע רעדערייען. „צום ערשטן מאָל אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט רופין געמאַכט אַ פּרווו צו פאָרמולירן די „חכמה פון ציוניזם”, דעם ווערט און אָרט פון אַרבעטנדן מענטשן און זיין שאַפונג אין די קבוצות און מושבים” — האָט ב. קאַצענעלסאָן געזאָגט וועגן רופינ׳ס רעדע, וואָס איז געווען אויף דעם קאָנגרעס ווי אַ דערפרישנדער טוי. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ווייצמאַן האָט געשטיצט די אַרבעטער, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַן עקזעקוטיווע אָן דער באַטייליקונג פון די אַרבעטער. אין דער גורל־פראַגע פון ציוניזם — אין דער פראַגע פון דער ע ל י ה — איז באַשלאָסן געוואָרן זי פאָרזעצן און מאַכן אַלע באַמיאונגען כדי זי צו פאַרגרעסערן.

דער פופצענטער קאָנגרעס איז איינער פון די שווערסטע פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער „בראַנדייסיזם אָן בראַנדייסן” (לויט ב. קאַצענעלסאָן׳ס אויסדריק) האָט אויף דעם קאָנגרעס געזיגט, און זיינע רעזולטאַטן זענען אויפגענומען געוואָרן מיט ציטער און זאָרג פאַרן גורל פון דער באַוועגונג און איר צוקונפט. אָבער די אַנטוישנדע רעזולטאַטן פון דעם קאָנגרעס האָבן ניט דערשטיקט די האָפנונג אויף אַ בעסערער צוקונפט. „אויב מיר האָבן געליטן אַ מפלה אויף דעם קאָנגרעס — האָט ב. קאַצענעלסאָן געשריבן — איז עס אונזער פליכט צו זען די זאַכן אין זייער ריכטיקן ליכט: דאָס איז ניט געווען דאָס פאַלן פון אַ מענטשן, וואָס איז געגאַנגען און געבראָכן „האַלז און האַקן”, נאָר דאָס פאַלן פון אַ קינד, וואָס מאַכט זיינע ערשטע שריט און איז געפאַלן. מ׳מוז ווייטער גיין! מיר מוזן דעראָבערן די ציוניסטישע באַוועגונג פאַר

www.libtool.com.cn

דער אַרבעטערשאַפט. פאַרן ציוניזם איז ניטאָ קיין אַנדער וועג, ווי זיך איבערצוגעבן דער אַרבעטערשאַפט, און די אַרבעטערשאַפט האָט ניט קיין אַנדער וועג ווי צו דעראָבערן אין גאַנצן די ציוניסטישע באַוועגונג און זי צו באַהערשן דורך איר גייסט, ווירטשאַפט און קולטור" — — —

אויף דעם קאָנגרעס איז טיף געפילט געוואָרן די גרויסע אבדה פאַר דעם גייסטיקן־מאָראַלישן אינהאַלט פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג מיטן טויט פון אחד־העם. נחום סאָקאָלאָוו און מאַרטין בובער האָבן אים מספּיד געווען.

## דער זעכצעטער קאָנגרעס

(צירין, 28.VII—10.VIII.1929 ; כ׳ תמוז — ד׳ אב תרפ״ט)

אויף דער קאָנגרעס, ווי דער פריערדיקער, איז אויסגעפאַלן אין אַ יובל־דאַטום פאַר דער באַוועגונג — ער איז דערעפנט געוואָרן אין טאָג פון ד״ר הערצל׳ס 25־טן יאָר־צייט. נחום סאָקאָלאָוו האָט געבראַכט צום אויסדרוק די געפילן פון דער באַוועגונג אין זיין גלענצענדער רעדע וועגן הערצלען. דער קאָנגרעס איז זיך צוזאַמענגעקומען, ווען די לאַגע אין לאַנד האָט זיך פאַרבעסערט. די אַרבעטסלאָזיקייט איז ליקווידירט געוואָרן מיטן אָנפאַנג פון דער עליה, וואָס האָט דערמונטערט דעם גאַנצן ציוניסטישן לאַגער.

אויפן סדר־היום פון קאָנגרעס איז געשטאַנען די פראַגע פון גרינדן די פאַרברייטערטע „יידישע אגענץ", וואָס האָט געדאַרפט פאַרווירקלעכט ווערן נאָכן שליסן דעם קאָנגרעס. אויך איצט האָט די פראַגע אַרויסגערופן שאַרפע ויכוחים, באַזונדערס מצד די רע־וויזיאָניסטן, אָבער זי איז פּאָזיטיוו אָפּגעשלאָסן געוואָרן אויף דער פייערלעכער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער „אַגענץ", ביי דער באַטייליקונג פון ווייצמאַן, סאָקאָלאָוו, ה. סעמיועל, ל. מאַרשאַל, אַלבערט איינשטיין, לאָרד מעלטשעט, לעאָן בלום, שלום אש, פ. וואַרבורג און א.

די עקזעקוטיווע איז שטאַרק קריטיקירט געוואָרן פאַר איר

www.libtool.com.cn

גרינגשעצן די אַרבעטער און זייער ווערק. דער „סאָקער־רעזשים" אין לאַנד (אויפן נאָמען פון דעם עקזעקוטיוו־מיטגליד, האַרי סאָקער) איז געטאַדלט געוואָרן דורך פאַרשידענע רעדנער, אָבער באַזונדערס איז דאָ כדאי צו פאַרצייכענען דעם אַנאַליז פון דעם „רעזשים", אין די רעדעס פון ח. אַרלאָזאָראָוו און ש. קאַפּלאַנסקי. אַ שטאַר־קער קאַמף איז דעריבער געפירט געוואָרן אַרום דער בילדונג פון דער נייער עקזעקוטיווע, אַז איך איר זאָל מער ניט הערשן דער גייסט, וואָס איז פרעמד דעם פאַלקסטימלעכן אינהאַלט פונם ציוניזם. דער קאַמף איז געפירט געוואָרן אַרום סאָקערס פּערזענלעכקייט, איז אָבער ניט געווען קיין פּערזאָנען־פראַגע, נאָר אַ פראַגע פון דער ריכטונג און די וועגן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס מוז זיך באַפרייען פון דעם רעזשים, וואָס איז ווייט פון יעדער פאַרשטענ־דעניש פאַר דעם שאַפנדן און בויענדן חלוציזם אין לאַנד. דער קאָנגרעס האָט זיך פאַרענדיקט מיטן ווײלן אַן עקזעקוטיווע אויף אַ ברייטערן באַזיס. צו די פריערדיקע חברים זענען צוגעקומען — צוויי פון „מזרחי" און צוויי פון אַרבעטער־פליגל (ש. קאַפּלאַנסקי און י. שפּרינצאַק) און רופּין.

אַזוי אַרום איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די „אַנגלאָ־סאַכסישע" איינזייטיקייט פון דער פריערדיקער עקזעקוטיווע. אין איר נייעם צוזאַמענשטעל איז זי געווען ביכולת צו ריכטן די באַוועגונג אין די אַנטשיידונגס־טעג פאַרן יישוב און דעם ציוניזם.

## דער זיבנצענטער קאָנגרעס

(באַזעל, 30.VI—15.VII.1931 ; ט"ו תמוז — א' אב תרצ"א)

עטלעכע טעג נאָך דער פייערלעכער „אַגענץ"־קאָנפערענץ אין ציריך זענען אויסגעבראָכן אין ארץ־ישראל די אומרועןן פון תרפ"ט (1929) מיט אַלע זייערע גרוילטאַטן, וואָס האָבן פאַרשטערט די געהויבענע שטימונג פון דער באַוועגונג נאָך דער גרינדונג פון דער אַגענץ. איין אומגליק האָט געיאָגט דעם צווייטן : די שחיטות אין חברון, צפת, מוצא, דער איבערפאַל אויף חולדה ; און דאַן —

www.libtool.com.cn

דער באַריכט פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, דאָס פּאַספילד־„ווייס־בוך", דער עליה־פּאַרבאָט, דער סימפּסאָן־באַריכט. איין זאַך איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט די אַלע דאָקומענטן: גרונטלאָזע באַשולדיקונגען קעגן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, קעגן קרן־קיימת, העצעריי קעגן דער „הסתדרות" און אירע אַנשטאַלטן, אַ פּאָרשלאַג צו גרינדן אַ געזעצגעבערישן ראַט און אַ דראָאונג צו שליסן די טויערן פון לאַנד פאַר דער יידישער עליה. די געשעענישן און די אויבנדערמאָנטע דאָקומענטן האָבן אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט־שטורם אויף דער גאַנצער יידישער וועלט. ד״ר ווייצמאַן האָט רעזיג־נירט פון פּרעזידענט־אַמט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. זיין דעמיסיע איז אָבער ניט געבליבן אָן ווירקונג אויף דער ענגלישער רעגירונג, וואָס האָט דאַן פּרובירט אין באַקאַנטן „מאַקדאָנאַלד בריוו" צו ד״ר ווייצמאַנען פעסטשטעלן געוויסע אויסבעסערונגען לטובת דעם ציוניזם.

אויפן קאָנגרעס, וואָס איז געווען פול מיט אַנטי־בריטישער שטימונג, האָבן פיל פּרובירט אויסלאָזן דעם גאַנצן צאָרן און פאַרביטערונג קעגן ענגלאַנד אויף דער אָפיציעלער פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס ווייצמאַן איז געווען איר אויסדרוק און פאָן־טרעגער. ווייצמאַן איז באַשטאַנען אין זיין דערעפנונגס־רעדע אויף זיין אַנטגילטיקער דעמיסיע און האָט אויסגערעכנט אַלע אונזערע אַנטווישונגען פון דער ענגלישער פּאָלי־טיק אין די לעצטע צוויי יאָר. אין דער דאָזיקער אָפשיידס־רעדע האָט ער אויסגעדריקט זיין ציוניסטישן אני־מאמין. ווייצמאַן האָט איבער־געחזרט דעם פּשוטן אמת, וואָס ווערט פאַרשלונגען אין לויף פון די „גרויסע ענינים": „קול יעקב" („יעקבס שטים") איז ניט גענוג פאַרן אויפבוי פון לאַנד און דעם ציוניזם — ידי יעקב („יעקבס הענט") מוזן אַרבעטן. עס איז דערנידעריקנד פאַר אַ פאָלק צו וואַרטן, אַז אַ צווייט פאָלק זאָל טאָן פאַר אים די שווערע פיזישע אַרבעט. די חלוצים זענען אַ גרויסע טרייב־קראַפט, אָבער דער כוח קאָן געפירט ווערן נאָר דורך מענטשן, וואָס באַציען זיך צו

www.libtool.com.cn

אים מיט ליבע און האָבן פאַרשטענדעניש פאַר זיינע גייסטיקע און מאָראַלישע שטרעבונגען. דעם חלוצישן כוח טאָר מען ניט פאַר־שווענדן צוליבן פעלן פון הויפּט־יסוד אין אויפבוי פון לאַנד. דער דאָזיקער הויפּט־יסוד איז — די נאַציאָנאַלע קאָלאָני־זאַציע".

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן איז די אַרבעטער־פּראַקטיע געווען די גרעסטע פּראַקציע אויפן קאָנגרעס. מיט גרויס איבערצייגונגס־קראַפט האָבן זיך די אַרבעטער־דעלעגאַטן קעגנגעשטעלט דער רעוויזיאָניסטן־אַטאַקע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט הויך־ריידערייען וועגן „גרויס־ציוניזם" און העצערייען קעגן דער עקזעקוטיווע און ווייצמאַנען. אין זייערע רעדעס האָבן ד. בן־גוריון, ב. לאָקער, ב. קאַ־צענעלסאָן, חיים אַרלאָזאָראָוו א. א. אַרונטערגעריסן די מאַסקע פון רעוויזיאָניזם און באַוויזן די ווערטלאָזיקייט פון זייער „ענד־ציל"־פאָרמולירונג, מיט וועלכער זיי האָבן באַשעפטיקט דעם קאָנגרעס. דער קאָנגרעס האָט אָפּגעוואָרפן די רעוויזיאָניסטישע „ענד־ציל"־פאָרמולירונג. דאַן האָט וו. זשאַבאָטינסקי צעריסן זיין דעלעגאַטן־קאַרטע און אויסגערופן: „דאָס איז ניט קיין ציוניסטישער קאָנגרעס!" די רעוויזיאָניסטן האָבן פאַרלאָזן דעם קאָנגרעס. אַ כאַראַקטעריסטישער אָבער טרויעריקער פאַקט איז, אַז אויף דעם קאָנגרעס זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן אָן אַ זייט די פּראָבלעמען פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, צוליב דעם טומעל אַרום דער פאָרמולע „ארץ־ישראל אויף ביידע זייטן פון ירדן אַלס יידישע מדינה". ריכטיק האָט דעריבער באַמערקט י. לופּבאַן אין זיין אַרטיקל איבערן קאָנגרעס: „עס איז ניט געווען קיין ווייטערע זאַך פון דעם קאָנגרעס, ווי ארץ־ישראל, זי איז אַפילו ניט געווען אַ זייטיקער ענין, זי איז פשוט געווען אויסערהאַלב דעם קאָנגרעס, אויסער זיין האָריזאָנט. אויך דאַן, ווען מ'האָט גערעדט וועגן אַ „יידישער מדינה אויף ביידע זייטן פון ירדן און וועגן אַ יידישער מערהייט אין די היסטאָרישע גרעניצן פון לאַנד", זענען די ווערטער

www.libtool.com.cn

ניט געווען אין קיין שום ממשות׳דיקער שייכות און באַרירונג מיט ארץ־ישראל. יעדער איינער, וואָס האָט גערעדט אויפן קאָנגרעס וועגן ארץ־ישראל, אין נאָמען פון דער א״ידיקער ווירקלעכקייט, פון דער אַרבעט, אויפבוי־פּראָבלעמען און נויטן, — איז מען אויף זיינע רייד אַריבער צום סדר־היום מיט אַ בטול, ווי מען וואָלט געזאָגט: „מיט די מענטשן האָבן מיר ניט וואָס צו ריידן; מיר ריידן וועגן צ י ו נ י ז ם, וועגן ציוניסטישער פּ אָ ל י ט י ק — און זיי רעדן וועגן א ר ץ ־ י ש ר א ל״.

דאָס איז געווען די אמתע געשטאַלט פון די, וואָס האָבן געטענה׳עט פאַר אַ „יידישער מדינה אויף ביידע זייטן פון ירדן״.

עס איז דער גרויסער פאַרדינסט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אירע שליחים, וואָס זענען געשטאַנען פעלזן־פעסט קעגן די אַלע דעסטרוקטיווע כוחות. די אַרבעטער־פראַקציע האָט אויסגעאַרבעט אַ פאָרשלאַג פאַר אַ פּראָגראַמאַטישן הסכם פון אַלע פּאַרטייען, וואָס באַטייליקן זיך אין דער עקזעקוטיווע. דער הסכם איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער נייער עקזעקוטיווע.

נ ח ו ם ס אָ ק אָ ל אָ ו ו איז דערוויילט געוואָרן צום פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ח. אַרלאָזאָראָוו, ב. לאָקער, ע. ניומאַן ה. פאַרבשטיין און ז. בראָדעצקי אַלס מיטגלידער.

ח י י ם א ר ל א ז א ר א ו ו, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס לייטער פון פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט האָט שוין געהאַט הינטער זיך, ניט געקוקט אויף זיין יונגן עלטער, אַ חשובע פאַרגאַנגענהייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין דער א״ידיקער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער די באַוועגונג האָט ניט זוכה געווען אים צו זען לאַנג אין דעם אַמט.

## דער אכצענטער קאנגרעס

(פּראַג, 21.VIII—4.IX.1933; כ״ט אב — י״ג אלול תרצ״ג)

דער קאָנגרעס איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון דריי געשעענישן: די קאַטאַסטראָפע פון די דייטשע יידן מיטן אויפשטייג

www.libtool.com.cn

פון היטלעריזם; די פּראָספּעריטי אין ארץ־ישראל; דער אַרלאָזאָראָוו־מאָרד ערב דעם קאָנגרעס. די פֿאַרשאַרפונג פון די באַציאונגען מיט די רעוויזיאָניסטן אויף דעם קאָנגרעס איז דערגאַנגען צו איר העכסטן פּונקט. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט ניט געקאָנט אַריבערגיין שווייגנדיק איבער דער פּערמאַנענטער רעוויזיאָניסטישער העצעריי קעגן דער אַרבעטערשאַפט; ב. קאַצענעלסאָן, וואָס האָט מספּיד געווען אַרלאָזאָראָוון אויפן קאָנגרעס, האָט באַצייכנט די גרויסע אבדה פאַר דער באַוועגונג מיטן טויט פון דעם יונגן פירער. די קאַטאַסטראָפע פון יידישן קבוץ אין דייטשלאַנד האָט געשילדערט פאַרן קאָנגרעס נחום סאָקאָלאָוו, רופין האָט געבראַכט פאַרן קאָנגרעס־פאָרום אַן אומפאַנגרייכע פּראָגראַם פאַרן קאָלאָניזירן די דייטשע יידן אין לאַנד. דער קאָנגרעס איז אָבער געשטאַנען אונטערן צייכן פון שטורמישן ויכוח מיט די רעוויזיאָניסטן. צום סוף איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַשטימען אַ קאָמיסיע אויסצופאָרשן די וועגן פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג און אירע קאַמפּס־מעטאָדן.

אין די קאָנגרעס־טעג איז געפייערט געוואָרן מ. מ. אוסישקינס זיבציקסטער געבורטסטאָג. דער געשעצטער פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט נאָך אין דעם עלטער געווידמעט זיין גאַנצן כוח און ענערגיע דעם נאַציאָנאַל־פאָנד און דעם ציוניזם. דער גאַנצער קאָנגרעס, אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי און ריכטונג, האָט געפייערט אוסישקינ׳ס יובל אין אַ פייערלעכער זיצונג. מיט אָפּשאַצונגען פון יובילייאַר זענען אַרויסגעטראָטן מאָצקין, סאָקאָלאָוו און סטיפן וויז, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אוסישקינ׳ס גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער באַוועגונג אין זיין לאַנג־יאָריקער טעטיקייט.

סאָקאָלאָוו איז אויך אויף דעם קאָנגרעס דערוויילט געוואָרן צום פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די אַרבעטער־פראַקציע האָט באַקומען אַ פיל גרעסערע פאַרטרעטערשאַפט אין דער עקזעקוטיווע, לויט איר וואָג און גרויס אויפן קאָנגרעס. אַלס

www.libtool.com.cn

מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע זענען געווילט געוואָרן: ז. בראָדעצקי, א. יעקבסאָן, י. גרינבוים, ל. ליפסקי, אַ. רופין, ד. בן־גוריון. א. קאַפּלאַן, ב. לאָקער און משה שערטאָק אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם ד״ר ארלאָזאָראָוו, אַלס לייטער פון פּאָליטישן דעפּאַרטמענט.

## דער ניינצעטער קאָנגרעס

(לוצערן, 20.VIII—4.IX.1935; כ״א אב — ו׳ אלול תרצ״ה)

די רעוויזיאָניסטן האָבן פאַרלאָזן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און האָבן זיך מער ניט באַטייליקט אין קאָנגרעס. אויפן ניינצעטן קאָנגרעס האָבן זייער אָרט פאַרנומען די דעלעגאַטן פון דער קליינער „יודנשטאַטס־פּאַרטיי״, וואָס האָבן פאָרגעזעצט די רעוויזיאָניסטישע טראַדיציע פון אָנגרייפן די עקזעקוטיווע.

די קאַטאַסטראָפע פון דייטשן יידנטום איז געקומען צום אויסדרוק אין די צענטראַלע רעפעראַטן אויף קאָנגרעס: פון נחום סאָקאָלאָוו איבער דער לאַגע פון יידן אין די גלות־לענדער, ד. בן־גוריון איבער די וועגן פון ארץ־ישראל אויפבוי, און אין רעפעראַט פון ה. סאָלד איבער דער „יוגנט־עליה״, דער ניי געגרינדעטער אינסטרומענט פון דער „יידישער אגענץ״ צו רעטן די יידישע קינדער פון דייטשלאַנד און זיי אויפנעמען אין ארץ־ישראל אין די אַרבעטער־ווירטשאַפטן. אוסישקין האָט זיך אין זיין רעפעראַט איבער דער אַרבעט פון נאַציאָנאַל־פאָנד אָפּגעשטעלט אויף דער ספּעקולאַציע־געפאַר פאַרן באָדן־אויסלייזן אין ארץ־ישראל. די „פּראָספּעריטי״ האָט געבראַכט צו אַ פאַרשטאַרקטער ספּעקולאַציע מיטן באָדן.

אין אַלגעמיין האָט זיך דער קאָנגרעס אויסגעצייכנט מיט זיינע זאַכלעך־פּראַקטישע רעפעראַטן, דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון דער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט אין לאַנד. די גענעראַל־דעבאַטע האָט זיך, ווי תמיד, אויסגעצייכנט מיט אַ שטאַרקן פּאָלעמישן טאָן קעגן דער עקזעקוטיווע, קעגן דער אַרבעטערשאַפט, און איז געווען אָפט זייער שטורמיש, בעיקר אַרום דער פראַגע פון „טראַנספער״

www.libtool.com.cn

(די וועגן פון רעטן דעם יידישן פאַרמעגן פון דייטשלאַנד).

בערל קאַצענעלסאָן האָט וועגן דער דעבאַטע געזאָגט פאָל־גנדעס: „וואָלט דאָס באַשטימען די ענינים פון קאָנגרעס געווען אָפּהענגיק פון מיר, וואָלט איך אין צענטער פון דער קאָנגרעס־דעבאַטע, אין דער תקופה פון אַ מאַסן־עליה, ווען עס איז פאַראַן אַ גוואַלדיקע דיספּראָפּאָרציע צווישן דער מאַסן־עליה און איר אויפנאַמע אין לאַנד, קודם כל געשטעלט די אַלט־נייע פראַגע — דאָס שאַפן פון אַ גרויסן נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, כדי דורך אים צו לייזן אונזער באַדן־פּראָבלעם און דאַן אונזערע קאָלאָניזאַציע־פּראָבלעמען; אָבער צום גרויסן באַדויערן איז די אויפמערקזאַמקייט פון קאָנגרעס ניט קאָנצענטרירט געוואָרן אַרום אַזעלכע פראַגן; דער קאָנגרעס האָט גרויס חשק זיך צו פאַרנעמען מיט אַנדערע ויכוחים, אָבער ניט מיט אונזערע קאָלאָניזאַציע־פּראָבלעמען — —".

די פּראָבלעמען פון דער העברעאישער קולטור־אַרבעט, די פראַגע פון דערנענטערן די מאַסן צום העברעאישן שאַפן און ווערק, האָט באַהאַנדלט ב. כאַצענעלסאָן אין זיין רעפעראַט: „די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ווערט אויפגעפאָדערט צו קולטור־אַרבעט".

דער ויכוח אַרום דעם רעפעראַט איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפער זאָרג פאַר דעם גורל פון דער יידישער קולטור און אַ שטרעבן צו ענדערן פון גרונט־אויס די באַציאונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו דעם וויכטיקן צווייג פון איר אַרבעט.

אויפן קאָנגרעס זענען אונטערגעשטראָכן געוואָרן די גרויסע אבדות פאַרן פאָלק און דער באַוועגונג מיטן טויט פון נאַציאָנאַלן דיכטער ח. נ. ביאַליק, פון ל. מאָצקין, דעם פאָרזיצער פון דאָס רוב קאָנגרעסן, הרב קוק, שמריהו לעווין, אדמונד ראָטשילד (דער באַוואוסטער נדיב), אביגדור יעקבסאָן, דער ציוניסטישער „אַמבאַסאַדאָר" ביים פעלקער־בונד און אַנדערע.

די אַרבעטער־פראַקציע, וואָס איז געווען די שטאַרקסטע אויפן קאָנגרעס, האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַטפאָרם פאַר אַ ברייטער קאָאַליציע, וואָס איז געווען דער אַלגעמיינער וואונש אויף דעם

www.libtool.com.cn

קאָנגרעס. ח. ווייצמאַן, וואָס איז געוועזן קאָנגרעס־פּאָרזיצער, איז דורך דעם קאָנגרעס געוויילט געוואָרן צום פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער יידישער אַגענץ און נחום סאָקאָלאָוו — אַלס ערן־פּרעזידענט. אין דער ברייטער קאָאַליציאָנס־עקזעקוטיווע זענען אַריין: ד. בן־גוריון, ז. בראָדעצקי, י. גרינבוים, א. קאַפּלאַן, הרב פישמאַן, פּ. ראָטנשטרייך און מ. טשערטאָק. מיט רעכט האָט אוסישקין באַמערקט אין דער שלוס־זיצונג פון קאָנגרעס: „איך אָנערקען די גבורה, וואָס מיר האָבן געזען ביי די אַרבעטער־פירער. זיי האָבן געקאָנט בילדן אַן עקזעקוטיווע נאָר פון איין ריכטונג. זיי האָבן עס געקאָנט גרינג מאַכן, ווייל זיי האָבן די מערהייט, זיי האָבן אויך געהאַט אַ מאָראַלישן רעכט דערצו, ווייל זיי בילדן איין געאייניקטע קערפּערשאַפט. געזיגט האָט אָבער ביי זיי דער געזונטער אינסטינקט, געזיגט האָט זייער ליבע און איבער־געבנהייט. דער ציוניזם האָט פון זיי געפאָדערט צו פאַרציכטן אויף דעם כּוח און פאָדערן ניט נאָר פאָדערן, נאָר בעטן זייערע קעגנער, מיטצואַרבעטן מיט זיי. די דאָזיקע גבורה האָבן זיי באַוויזן — — —".

## דער צוואַנציקסטער קאָנגרעס

(ציריך, 3—16.VIII.1937; כ"ו אב — ט' אלול תרצ"ז)

דער צוואַנציקסטער קאָנגרעס האָט געדאַרפט לייזן איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען זייט די אוגאַנדע־פּראַגע. די בלוטיקע אונרויען, וואָס זענען אויסגעבראָכן אין ארץ־ישראל אין יאָר 1936, האָבן געשטעלט ווידער דעם יידישן ישוב פאַר אַ פּרוּוו, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן שטאָלץ און מוטיק. די ענגלישע מלוכה־קאָמיסיע, וואָס איז געקומען אויספאָרשן די סיבות פון די געשעענישן, האָט פאָרגעשלאָגן אין איר באַריכט וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יולי 1937 צוויי אַלטערנאַטיווע לייזונגען פון דער ארץ־ישראל־פּראַגע; איינע פון זיי איז — צוטיילן דאָס לאַנד און שאַפן אַ יידישע מדינה אין אַ טייל פון אים. עס זיינען דאָ אַ סך נעגאַטיווע פּונקטן

www.libtool.com.cn

אין דעם באַריכט, אָבער דער עצם פאָרשלאַג וועגן אַ יידישער מדינה האָט געוואונען אַ סך אָנהענגער, הגם זיי האָבן ניט געהאַלטן דעם פאָרגעשלאָגענעם שטח אַלס יסוד פאַר די אונטער־האַנדלונגען וועגן אַ יידישער מדינה. דער קאָנגרעס איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון דעם טיילונגס־פּלאַן פון ארץ־ישראל.

ווייצמאַן האָט זיך אין זיין דערעפענונגס־רעדע אָפּגעשטעלט אויף די בלוטיקע אומרועס אין לאַנד און אויף דעם גורל פון די מיליאָנען יידן אין אייראָפּע, וועמענס רעכט ווערן באַרויבט דורך די נאַציס, די בלוטיקע שונאים פון יידישן פאָלק. דער קאָנגרעס — האָט ווייצמאַן דערמאָנט — איז דער ערשטער אָן סאָקאָלאָוו׳ן וואָס איז געשטאָרבן אַ יאָר פריער. י. גרינבוים האָט געהאַלטן אַ הספד אויף דער דאָזיקער צענטראַלער פערזענלעכקייט, וואָס איז אויפ־געוואַקסען אין פוילן, אָבער האָט געשיינט פאַר דער גאַנצער יידישער און אַלגעמיינער וועלט.

דעם ויכוח איבער דעם טיילונגס־פאָרשלאַג האָבן געעפנט ווייצמאַן און אוסישקין. דער ערשטער פאַר, דער צווייטער — קעגן. ווייצמאַן האָט צ. אַ. אויסגעפירט: די ברירה, פאַר וועלכער מיר שטייען, איז: אַ יידישע מינדערהייט אין גאַנץ ארץ־ישראל, מ׳קאָן אפילו זאָגן אין אַן אַראַבישן ארץ־ישראל, — אָדער אַ יידישע מערהייט אין אַ טייל פון לאַנד. אין דעם טייל קאָנען מיר איצט רעטן צוויי מיליאָן יידן, וואָס נויטיקן זיך אין אַ באַלדיקער הילף״. קעגן זיינע אויספירונגען האָט אוסישקין געטענה׳ט: „די פראַגע איז ניט דער טייל אָדער אַן אַנדערער, מער אָדער ווייניקער. די פראַגע איז, צי קאָן אַ לעבעדיק פאָלק מוותר זיין עפנטלעך און פייערלעך פאַר דער גאַנצער וועלט אויף זיין ירושה. מיר וועלן עס ניט טאָן! קיין רעאַלער צוגאַנג צו די נויטן פון דער שעה, קיינע צייטווייליקע באַקוועמלעכקייטן, קיין אַריטמעטישער באַווייז האָט ניט פאַר אונז קיין ווערט. עס איז פאַראַן אַ גרעניץ פאַר רעאַליזם און חשבון — — —״.

דער קאָנגרעס, וואָס האָט געוואָלט זיכערן אַן אַלזייטיקע

www.libtool.com.cn

אָפענע אויפקלערונג פון אַט דער גורל־פראַגע, האָט באַשלאָסן צו שליסן זייַנע זיצונגען פאַר דער עפנטלעכקייט און דיסקוטירן די פראַגע אַלס פאָליטישע קאָמיסיע.

די באַציאונג צו דער פראַגע איז ניט געווען אָפהענגיק פון דער פאַרטיי־אָנגעהעריקייט. אין יעדער פאַרטיי זענען געווען אָנהענגער און קעגנער פון פלאַן. דער ויכוח האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ באַשלוס, וואָס האָט פאַרזיכערט די אייניקייט פון דער באַוועגונג. די לאַנגע רעזאָלוציע קומט צום פאָלגנדן אויספיר:

„דער קאָנגרעס דערקלערט, אַז דער פאָרגעשלאָגענער טייל־לונגס־פלאַן איז אומאָנעמבאַר; ער באַפולמעכטיקט די עקזעקוטיווע צו פירן אונטערהאַנדלונגען, כדי אויפצוקלערן דעם אינהאַלט פון דעם פאָרשלאַג פון דער ענגלישער רעגירונג וועגן שאַפן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל;

אין די אונטערהאַנדלונגען טאָר די עקזעקוטיווע זיך ניט פאַרפליכטן און קאָן ניט פאַרפליכטן די באַוועגונג. אויב אַלס רעזולטאַט פון די אונטערהאַנדלונגען וועט אויסגעאַרבעט ווערן אַ פאָרשלאַג צו שאַפן אַ יידישע מדינה, וועט ער באַהאַנדלט ווערן אויף אַ ספּעציעל־געוויילטן קאָנגרעס".

אין די קאָנגרעס־טעג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פייערלעכע זיצונג צו באַצייכענען דעם פערציקיאָריקן יובל פון ערשטן קאָנגרעס. אוסישקין, וואָס איז געווען פאָרזיצער פון קאָנגרעס, האָט אויך געפירט די זיצונג, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט די דעלעגאַטן פון ערשטן קאָנגרעס, וואָס האָבן דערציילט זכרונות פון די ערשטע יאָרן פון דער באַוועגונג און געצייכנט דעם לאַנגן וועג פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין די 40 יאָר.

דער ויכוח אַרום דעם „טיילונגס"־פאָרשלאַג האָט פאַרשלונגען דעם גרעסטן טייל פון דער צייט, דאָך זענען אויך באַהאַנדלט געוואָרן אַלע אַנדערע אַקטועלע פראַגן פון דער באַוועגונג. ווייצמאַן איז געוויילט געוואָרן אַלס פרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע, אוסישקין אַלס פאָרזיצער פון אַקציאָנס־קאָמיטעט. אַלס

www.libtool.com.cn

חברים פון דער עקזעקוטיווע — ד. בן־גוריון, ז. בראָדעצקי, י. גרינ־בוים, הרב פישמאַן, א. קאַפּלאַן, פ. ראָטנשטרייך, משה שערטאָק.

## דער איין־און־צוואַנציקסטער קאָנגרעס

(זשענעווע, 16—25.8.1939 ; א׳—י׳ אלול תרצ״ט)

דער קאָנגרעס איז זיך צוזאַמענגעקומען נאָך דעם, ווי די ענגלישע רעגירונג האָט זיך אָנטזאָגט פון דעם טיילונגס־פּלאַן. נאָך די לאָנדאָנער פאַרהאַנדלונגען, צו וועלכע די ענגלישע רעגירונג האָט איינגעלאַדן יידן און אַראַבער, האָט זי פאַרעפנטלעכט דעם „ווייס־בוך״, וואָס האָט אַריינגעלייגט אין אַ סדום־בעטל דעם ציוניסטישן ווערק. כי כוונה פונם „ווייס־בוך״ (מאַי 1939) איז — ניט לאָזן וואַקסן דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, פאַרוואַנדלען אים אין אַן אייביקער מינדערהייט (ניט מער ווי אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג). און דאָס אין אַ צייט, ווען די דראָענדע קאַטאַסטראָפע פון די יידישע קבוצים אין אייראָפּע האָט פאַרמשפט צום אונטערגאַנג די מיליאָנען יידן אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

דער קאָנגרעס האָט איינשטימיק אויסגעדריקט זיין שאַרפסטע קעגנערשאַפט צום „ווייס־בוך״ און די גרייטקייט פון דער באַוועגונג צו קעמפן מיט אַלע כוחות פאַר זיין ליקווידאַציע. ב. קאַצענעלסאָן האָט אויסגעדריקט דעם ציטער פאַרן גורל פון דער עליה, באַזונדערס אין זיינע ווערטער וועגן דער א. ג. „אומלעגאַלער״ עליה. ער האָט צ. א. געזאָגט : „מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך דורכגעמאַכט אַ נאַכט פון לאַנגן וואַרטן. איך האָב געזען יוגנטלעכע, יינגלעך און מיידלעך, רודערן, ניט וויסנדיק אויב אַלע שיפלעך זענען אָנגעקומען בשלום, מאַרשירנדיק האַנט־אין האַנט אין וואַסער, קיינער זאָל ניט פאַרלאָרן גיין — — — אין מיינע אויגן איז עס געווען דער סימ־באָל פון דער עליה־קייט, וואָס ציט זיך פון ר׳ יהודה הלוי ביז די דאָזיקע יינגלעך און מיידלעך. איך גלויב, אַז עס איז ניט ווייט דער טאָג, און מ׳וועט אין לידער באַזינגען זייער טאַט, אפשר וועלן תפילות פאַרפאַסט ווערן פאַר אָט די ים־גייער. אויף אַלע ים׳ען

www.libtool.com.cn

זענען צושפרייט די פּאָן־טרעגער פון דעם יידישן פּיין. זיי וועלן ניט דערלאָזן, אַז די טויערן פון לאַנד זאָלן געשלאָסן ווערן, זיי וועלן ניט דערלאָזן דעם וועלט־געוויסן אַנטשוויגן צו ווערן. דער יידישער פּליט איז אין שפּיץ פון אונזער קאַמפּס־פראָנט און אַלע דאַרפן מיר זיין זיינע מיטקעמפער!"

דער קאָנגרעס האָט געמוזט פאַרענדיקן זיין אַרבעט אין איילעניש: דער אינטערנאַציאָנאַלער האָריזאָנט איז שוין געווען פאַרוואָלקנט, אין דער לופט האָט זיך געשפּירט דער אָנקומענדער שטורעם פון וועלט־קריג. עס איז באַשטעטיקט געוואָרן די עקזעקוטיוו אין איר פריערדיקן צוזאַמענשטעל. ווייצמאַן האָט זיך געזעגנט פון קאָנגרעס מיט די ווערטער: „איך האָב ניט קיין אַנדערע תפילה איצט נאָר די איינע — מיר זאָלן זיך אַלע ווידער זען". אויך אוסישקין'ס אָפּשייד־ווערטער זענען געווען דורכגעדרונגען מיט זעלבן ציטער: „וואָס וועט זיין מיט די דריי און אַ האַלב מיליאָן יידן אין פּוילן?"

די דעלעגאַטן פון קאָנגרעס, וואָס זענען זיך צופאָרן אין גרויס איילעניש, פיל פון זיי האָבן זאָגאַר ניט געהאַט קיין אַנונג, אַז דאָס איז זייער לעצטער קאָנגרעס, צי זייערער פערזענלעך, אָדער פון די מיליאָנען יידן, וואָס די נאַצישע חיה האָט זיי פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

בהוצאת מחלקת „החלוץ" ליד הועד הפועל של ההסתדרות

הופיע מאסף

# ההסתדרות

בעריכת צ. רוזנשטיין

הספר מכיל 30 מדורות שמקיפים
את כל שטחי חייה של ההסתדרות.

ואלה הם:

איך נוצרה ההסתדרות?; ההסתדרות מהי? מבנה ההסתדרות; עליה ו„החלוץ"; עבודה; הפועל במושבה; ההתישבות העובדת; הפועל בעיר והאיגוד המקצועי; תנועת הפועלות; הנוער העובד והלומד; קבוץ גלויות; ההסתדרות וארגוני פועלים אחרים; הפועל הערבי; עזרה הדדית; חברת העובדים; משק הפועלים; הסקטור החקלאי; הצרכנות השיתופית; קבלנות הבניה והתעשיה ההסתדרותית; קואופ־רציה בתעשיה, בתחבורה ובשירותים; שיכון שיתופי; אשראי וביטוח; ימאות ותעופה; חינוך, תרבות וספרות; מגן ובטחון במלחמה; הפועל בישוב ובציונות; הגולה; בחזית המדינית; קשרים בינלאומיים; נספחות.

בספר 506 עמודים, בצירוף מפת ההסתדרות

www.libtool.com.cn

## סעריע „פארן החלוץ“

ביז יעצט דערשינען:

1. וואס איז אזוינס די הסתדרות?

פון צ. ראזענשטיין

★

2. די צווייטע עליה

פון ד. קלעי

★

3. די דריטע עליה

פון י. רעזניטשענקא

★

4. די כנסת ישראל

פון ד. בר־רב־האי

★

5. אין אנהויב

א זאמלונג זכרונות און ערציילונגען פונם ארץ ישראלדיקן לעבן

★

6. די ביל"ויים

פון ש. בן־ציון

★

7. די ציוניסטישע קאנגרעסן

פון ג. קרעסעל

★

אין דרוק געפינט זיך:

8. ערד

ערציילונגען פונם ארץ־ישראלדיקן לעבן

www.libtool.com.cn

# „דפים למדריך בגולה"

העפטן פאר דער חלוצישער יוגנט — דערשיינען יעדן מאנאט דורך דער „מחלקת החלוץ" געמיינזאם מיטן „מרכז לתרבות".

ביז יעצט דערשינען פאָלגנדע העפטן:

**העפט א׳, חודש אייר:**

דער ערשטער מאי — יוסף חיים ברענער — ל"ג בעומר.

**העפט ב׳-ג׳, סיון-תמוז:**

חג השבועות — טעאדאר הערצל — ח. נ. ביאליק.

**העפט ד׳, אב:**

תשעה באב — ברל כצנלסון.

**העפט ה׳-ו׳, אלול-תשרי:**

עמק־יזרעאל — ימ״ם נוראים — חג הסוכות — שאול טשערניחובסקי.

**העפט ז׳, חשון:**

באַלפור־דעקלאראציע — צ. ה. קאלישער.

**העפט ח׳, כסלו:**

י. ל. פינסקער — חנוכה — די הסתדרות.

**העפט ט׳, טבת:**

אחד העם — א. רופין.

**העפט י׳, שבט—אדר:**

י. טרומפלדור — י"א אדר — משה העס.

www.libtool.com.cn

## גרונט־ביכער אין יידיש

אַ סעריע, וואָס ווערט צוגעגרייט דורך דער מחלקת „החלוץ"

עס געפינט זיך אין דרוק:

### די הסתדרות

א זאמעלבוך, איבערזעצט פון עברית

★

עס ווערן צוגעגרייט צום דרוק:

יעקב לעשטשינסקי

### די סאציאלאגיע פונם יידישן פאלק

★

א. ביין

### די געשיכטע פון דער יידישער קאלאניזאציע אין ארץ ישראל

★

### א בוך וועגן פאלעסטינאגראפיע

★

### די אראבער אין ארץ ישראל

★

### געקליבענע שריפטן פון א. ד. גארדאן

### געקליבענע שריפטן פון ב. כצנלסון

www.libtool.com.cn

דער פּלאַן פון דער אויסגאַבע נעמט אַרום אויך פאָלגנדע ביכער:

די געשיכטע פונם ציוניזם

*

די געשיכטע פון דער הגנה אינם ישוב

*

די יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג

*

די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין א״י

*

אָנזאָגער און גרינדער פונם ציוניזם

*

געקליבענע שריפטן פון ב. באָראָכאָוו

*

געקליבענע שריפטן פון נחמן סירקין

www.libtool.com.cn